STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06248

GEZANGEN FUN DI TEG

Dora Bayrek

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דאָראַ ביירעק

☆

געזאַנגען פון די טעג

מיט ליבשאַפט דערמאָן איך מיין מאַן ט ע ד
און מיין ליבן ליכטיקן זון ר אָ ב ע ר ט
טיף איז די בענקשאַפט
נאָך טיפער דער ווייטיק.

דאָראַ ביירעק

געזאַנגען פון די טעג

הויפט־פאַרקויף י. ל. פרץ־ביבליאָטעק

י.ל.פרץ
ביבליאטעק
תל־אביב, ישראל

תל־אביב, 1977

DORA BAYREK

GEZANGEN FUN DI TEG

נדפס בישראל תשל"ז

Printed in Israel 1977

דפוס „אור" בע"מ, תל־אביב, שד' הר־ציון 104, טל. 822481

דאָראַ ביירעק בוך־קאָמיטעט

אייב דאָבזשינסקי, פּאַרזיצער
רפאל פּאָזנער, סעקרעטאַר
משה שטראָסבערגער
פינאַנס סעקרעטאַר
(מיטגלידער לויטן א־ב)
אַלעקסאַנדער עוועלין
אשפּיז יעקב און נעלי
בערגמאַן בעקי
בוימאַן שיע און יהודית

פּראָפ' טוביה גראַל (פּאַריז)

גאַרפילד מערי
גוטפריינט שרה און דזשאַק
דאָבזשינסקי צירל
טשערנאָי נייטן און לילי
ד"ר לובין חיים און פרוי
מאָלאָטניק איידא און דען
סטיין פרידא און חיים
סטיין עזרא און דזשין
סעקולער בוזי און שלמה
פּאָזנער שרה
קאָטלער פּערל און ישראל
פעלאָז משה
פוליע טשערנער
פייגלסון פּערל און עלי
קליינערט רחל און פישל
ראָנטש יצחק אלחנן און עלקע
שוואַרץ חיים און רוט
שעק מרים און משה

סילווי און דזשעק פּאָלאַק

מיין האַרציקן דאַנק דעם בוך־קאָמיטעט פאַר אייער ערנסט איבערגעגעבענער מי צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון בוך. מיין דאַנק די פריינטלעכע אָרגאַניזאַציעס, די ספּאָנסאָרס און יעדן איינעם ווער עס האָט צוגעלייגט אַ האַנט, כדי דאָס בוך זאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.

דאָראַ ביירעק

אַ וואָרט וועגן דער דיכטערין

די מחברין פון דעם בוך „געזאַנגען פון די טעג״, די דיכטערין דאָראַ ביירעק, האָט זייענדיק קוים 16 יאָר איבערגעוואַנדערט פון רוסלאַנד, פון דער שטאָט באָברויסק, קיין אַמעריקע. ווי געוויינלעך אין דער ערשטער צייט האָט איר דאָרט ניט געפעלט קיין מאַטעריעלע צרות; געליטן דוחק און נויט. אין די ביטערע יאָרן פון עקאָנאָמישע דעפּרעסיעס האָט זי זיך אַריינגעוואָרפן אין אַקטיוון קאַמף פאַר אַרבעטלאָזע־פאַרזיכערונג. כאָטש די געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט האָט איר ניט ווייניק אין דעם געשטערט האָט זי דאָך אַלע יאָרן געשריבן לידער.

איר ערשט ליד, „ד י מ אַ מ ע״, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין יאָר 1950 אין די „ליטעראַרישע העפטן״ אין קאַליפאָרניע. פון דעמלט אָן האָט זי פאַרעפנטלעכט אירע ל י ד ע ר אין: „מאָרגן פרייהייט״, „יידישע קולטור״, „זאַמלונגען״, „ישראל־שטימע״ און אַנדערע צייטשריפטן.

איר ערשט לידער־בוך א. נ. „ליכט און שאָטן״ איז דערשינען אין 1961, אַרויסגעגעבן דורך דאָראַ ביירעק בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס.

אין דעם בוך „געזאַנגען פון די טעג״, וואָס מיר געבן איבער אין די הענט פון די לייענער, באַמיט זיך די דיכטערין, מיט איר קינסטלערישן וואָרט, צו באַלויכטן איר בליק אויף די ברען־פּונקטן און דערשיינונגען פון געזעלשאַפטלעכן און יחידישן לעבן. עס געלינגט איר אין אירע לידער אונדז אָנצורעגן צום טראַכטן און צו האָבן הנאה. אירע לידער אָטעמען מיט ליבע צום מענטש, צו נאַטור און דער עיקר מיט אַ חלום, צו אַ בעסערער וועלט.

יוסף לודען

בענקשאַפט

געזאַנג פון טאָג

אַ טאָג, אַ קלאַנג,
אַ זונאויפגאַנג,
אַ רויטער זוים,
אַ בלויער פּאַס,
עס דרימלט נאָך
די גרויע גאַס.

יונגער טאָג,
טרוים־געזאַנג,
העלער שווונג,
געוואַגטער האָפן,
טאָג צינדט אָן
די פרייד פון שאַפן.

צעוויקלט זיך
דער רעש, געררודער.
טריט וואָס גייען,
טריט וואָס לויפן.
יאָגן וועגענער טראַמווייען,
אַלץ וואָס לעבט
וויל זיך באַנייען.

נייַער טאָג
מיט נײַ־געזאַנגען,
אייביק שטראָמיקע
פאַרלאַנגען.

לוסט-געזאַנגען,
פרייד און טרויער,
יעדעם ליד
מיט זײַן געדויער.

טענער הויכע
טענער שטילע
טאָן פון הארצן
טיפע תפילה.
איין טאָג,
אַ פינטעלע, אַ שורה
געזאַנג פאַרמאָגט,
אַי פרייד, אַי גבורה.

צאַרטער קול
איז קול פון כוח.
ליבשאַפט צינדט
אַ העל-געזאַנג,
לייג דיין טאָג
אויפן מזבח
פאַר ליבע,
ניט פאַר אונטערגאַנג.

בענקשאַפט

ווי דער וואַלד איז פאַרבענקט נאָכן פרילינג,
נאָך זוניקן גאָלדהעלן מאַי,
ווי די בייטן וואָס ליגן צעאַקערט
פאַרבענקטע נאָך גרינעם פאַרזיי,

איז מיין האַרץ אויך פול מיט באַגערן
און בענקט נאָך העלער פרייד:
זאָל די פרילינג-זון פאַרצערן
ווי נאָר אַ טראָפּן לייד.

איך בענק נאָך יענעם ציטער
פון אַ פופצן־יאָריק קינד,
אין וויַיטער וועלט צעפלאַטערט,
ווי אַ בלעטל אין דעם ווינט!

אַ צווייגל פון בוים אָפּגעבראָכן
בענקט נאָך בוים און נאָך איבערפלאַנץ.
שווער איז צו זיין אָפּגעריסן
און נאָך שווערער צו ווערן דערגאַנצט.

און דאָס שטעטל, די קינדערשע וויזיע,
דער חלום פון אויסוואַקסן גרויס.
היינט בענקט זיך צוריק נאָך דער קינדהייט,
צוגלייך נאָכן שפּאַנען פאַרויס.

אָ, די גאָלדענע ליכט פון דער ליבשאַפט,
אַ הייסע די מאַמעשע טרער...
נאָך היינט אויף מיין ליפּ איך דערפיל זי,
נאָך היינט מיט איר שיידן זיך שווער.

אַט די שטילע שיינע צאַרטקייט,
די טעג פון ווייטע טרוימען,
אין עלטער טויכט אויף די יוגנט,
די בענקשאַפט האָט קיין צוימען.

איך בין

זון און פראָסט און גרינער בוים,
שטורעם־ווינטן אין געדריי,
דער הייסער בליק צום ווייטן רוים,
דער שונא פון יעטוועדנס וויי.

דער אויסדויער פון דורות,
דער האַמער און דער קלאַנג,
די טיפע שניטן פון מיין שטאַם
די פרייהייט און דער דראַנג.

דאָס געדולד פון שווערע יאָכן,
די לייכטזיניקייט פון קינד,
דער בראַך פון אַלע הערצער
דער ציטער פון די זינד.

כ׳בין דער זיסער טעם פון ליבע,
די יווירונג פון דער פרוי,
דער רוקן־ביין פון מאַמע
פון קראַנקן־בעט דער אוי.

דער אָפּגלאַנץ פונעם חלום,
דער ווונדער פונעם זיין,
דער סוד פון אַלע סודות,
דאָס קול פון שטיל געוויין.

דער פּיין פון טיפן ווייטיק,
פון אומעט דאָס געבעט,
פון בענקשאַפטן דער צינדער,
פון האַרצן דער פּאָעט.

פון אַלע גרויע וואָלקנס
דער אויסגוס אויף דער ערד,
פון דעם געמיט דעם צאַרטן
די הייסע רונדע טרער.

איך בין טיפע האַרץ-פאַרלאַנגען,
און די גרענעצלאָזע פרייד,
דער קלאַנג פון האַרציק לאַכן,
דער באַריר פון ווייכן זייד.

פון טראָט דער פעסטער אָפּהילך,
די פאַרב פון זונפאַרגאַנג,
די נשמה פונעם ליד —
די טרעל פון פויגל-קלאַנג.

דער רוף פון וואָרט געדעכטן,
פון האָפענונג דער שטראַל.
איך בין דער קאַמף פאַר שלום-וועלטן,
דער שווונג פון הויב און פאַל.

אַט דאָס בין איך מער און מער,
פון אייזן געברענט און געקנאַטן —
אין בלוטיקע קראַמפן בין איבערגעבאָרן,
נאָר שטענדיק געהיט זיך ניט ווערן צעטראָטן.

מתנות

עס ברענגט דער טאָג מיר לויטערע מתנות:
אַ הימל — פול מיט בלויע קרעלן,
די גאָלד־צעזונטע הייסע שטראַלן
אויף מיינע ברעמען לוסטיק זיך צעהעלן.

עס שפּאַנט דער טאָג מיט ברייטע וואַכע אויגן
און טראָגט אויף זיך פילפאַרביקע געמעלן:
מענטש און בוים און בלומען העלע
און ליכט אין גינגאָלדענע שאָלן.

אויף בוים צעזינגען זיך די פייגל,
דער בוים אַליין צום הימל זינגט אַ לויב.
די טיפע וואָרצלען שיקן זאַפטן צו די צווייגן,
דער טוי וואַשט־אָפּ פון בלאַט דעם שטויב.

די קילע שאָטנס וועבן, שפּינען
אַ רו־געצעלט פאַר מידן גוף,
דאָס זילבער־קלאָרע טייכל
פון ווייטע וויטן טראָגט צו מיר אַ רוף:

אָ, הער דאָס זינגען פון די שוואַלבן,
ווי דיין מאַמעס הייסער גרוס,
דערהער די שטילקייט אין די קלאַנגען
פון דעם צאַרטן ליבע־קוש.

איך נעם צו פון טאָג די לויטערע מתנות,
נאָר זיי מאָנען, רופן מיך און פרעגן:
דו שעפּסט פון אונדז מיט פולע הייסע קרוגן,
און וואָס, מיין פריינט, האָסטו דעם טאָג געגעבן?

די זון קומט ווי שטענדיק באַגילדן דעם טאָג,
דער טאָג דיין מתנה פאַרוועבט אין דער צייט:
אַ וואָרט פונעם אמת, אַ טאַט פון דער פרייד
צינדן העלער דעם טאָג, ווען ער קומט און פאַרגייט.

ער נעמט צו די מתנות מיט הימלישן דאַנק
און נאָך דאַנקבאַרער מער איז די ערד,
פון ליבשאַפט די וועלט ווערט מיט פריידן צעהעלט,
און מענטש ווערט דערהויבן אין זיין אייגענעם ווערט.

מ ע נ ט ש

כ'האָב ליב דאָס מילדע ווינטעלע, וואָס גלעט מיך,
די הייסע זון וואָס וואַרעמט ביזן ביין,
די ערד מיט אירע חן-פינטעלעך איז ליב מיר,
נאָך ליבער איז פון מענטש דאָס פינטל חן.

די פייגל זינגען אויס דעם פרייען חלום,
סימפּאַניש מיט די פאַרבן פון קאַיאָר.
איז ליב מיר די נאַטור די פריידיקע, קאַפּריזנע,
נאָר קינדער-פרייד צינדט האָפענונג אין מיר.

די ווייכע גרינע גראָזן צו מיר שמייכלען,
בלומען, ווי די שטיפערלעך קלעטערן אויף ווענט,
עס זינגט די לופט ווען טייבעלעך זיך קושן,
נאָר ליכטיק ווערט ווען מענטש איז גוט צו מענטש.

מענטש קאָן מיך אין זיבן זונען אָנטאָן,
מעג דער הימל זיין מיט וואָלקנס ווייט פאַרצויגן,
אַ וואָרט פון האַרץ קאָן טיפע וווּנדן היילן,
אַ הייסער בליק פון צאַרטע, ליבע אויגן.

און מענטש, וואָס שפּרייט זיין וואָרט פאַר שלום,
שפּרייט דעם קיום, וואָס שאַפט אַ שיינע וועלט.
אַ טרייסט איז מיר זיין מי, די כוונות ריינע
פון די ליבשאַפטן מיין אָוונט ווערט צעהעלט.

יאָרן

יאָרן — אויסגעפּרוּווטע וועכטער,
אויסגעדינטע, דאָך פֿאַרבליבן
אויך דעם היינט מיר צו באַדינען,
די קרומע טעג מיר אויסצוגלייכן
און פֿון עבר ניט צו וויכן.

הערט מען זאָגן: יאָרן לויפֿן,
נאָר מיינע ווילן ניט אַנטלויפֿן,
געבונדן מיט די דינסטע פֿעדים
איינס אין אַנדערן פֿאַראייביקט,

שטייען וואַך מיר פֿאַר די אויגן
די יונגינקע, ווי פֿלאַנצן גרינע,
בויגזאַמע און איינגעשפּאַרטע,
ווילן שטענדיק לויכטן, דינען.

די יאָרן — בלוטיקע, פֿאַרוועלקטע —
זאָלן דאָרט אַ טרייסט געפֿינען.
יונגע יאָרן — קלאָרע קוואַלן,
אָן אויפֿהער קאָן איך פֿון אײַך שעפּן.

יאָרן — אַלטע, ניט פֿאַרשעמטע,
פֿיל געזאַנגען ניט דערזונגען,
טעותן, ווי שטרענגע וועכטער,
זאָל דער היינט זיין אַ גערעכטער.

אייביק ברענען יענע פלאַמען,
אַזוי פיל ווייטיק אין דער בענקשאַפט,
אַזוי פיל אויסדויער אין ספקות,
אַש און פּולווער אויף די וועגן,
אָ, יאָרן, אויסגעפּרוּווטע וועכטער,
אייביק יונג איר דינט מיין עלטער!

נ ײַ - י אָ ר

זײַנען פיל נײַ־יאָרן געװען,
גערעשט, גערױשט און װײַט פאַרפלױגן.
זײַנען אַ סך העלע טעג געװען
און טעג פון שװערן לאַסט געבױגן
און סוף־כּל־סוף אױך פאַרפלױגן.

הײַנט קומט צו מיר צו גאַסט
אַן אַלט־גרױער, ניט פאַרגעסענער נײַ־יאָר,
מיט גרוסן פון מײַן יוגנט־גלאַנץ,
װי די פליגל־פלאַטער האָבן פּיס
אימפּעטיק געהױבן זיך אין טאַנץ.

מיט די װינטיקע פאַרמעסטן
געװאַלט טורעם־שפּיץ דערגרײכן.
די יוגנט פלאַטערט אױף די װעגן,
װײסט ניט פון קײן יאָרן,
טראָגט שטיקער לעבן דער צײַט אַנטקעגן.

און הײַנט בײַם שװעל, יונג און פריש,
אַ ליבער גאַסט, אַ נײַער יאָר,
פרילינג־װוּנדער אין זײַן אױג,
מיט ציטער, טוט פאַר װעלט זיך
אַ פלאַטערדיק פאַרנױג.

און מתנות שיינע מיר געבראַכט,
פון אַלע ניי־יאָרן די פלאַמען,
וואָס האָבן אי געוואַרעמט, אי געבערענט,
געטונקלט און געלויכטן
און געקרעפּטיקט מיר די הענט.

אָ, ניי־יאָר פון מיינע יונגע, בלאָנדע טעג
איר וועט מיר קיינמאָל פרעמד ניט זיין,
ווען זילבער שיינט אין מיינע האָר,
ווען הערבסט צום ווינטער בלויז אַ שפּאַן,
איז יעדער טאָג, ווי דער אויפגאַנג, פון אַ זוניק־נייעם יאָר.

זונטיק

דאַכט זיך, אַ טאָג ווי אַלע,
נאָר מען רופט מיך זונטיק.
די זון גייט אויף אין מזרח
פונקט אַזוי ווי מאָנטיק.
די גאָלדשטראַלן מיט ליבשאַפט
לוסטיק זיי באַלייכטן:
גאַסן, ביימער, בלימעלעך און פרוכטן.
אַ טאָג, ניט גרעסער און ניט קלענער,
בלויז אַ גרויסער מאָנער,
עס זאָל אים בעסער זיין און שענער:

מען רופט מיך דער טאָג
פון יום־טוב און רו,
פון צירונג און קליידונג,
פון פרייען שפּאַציר;
איז גוט מיר צו וויסן,
אַז מענטשן דערוואַרטן
אין מיר פרייד צו געניסן,
אַז יום־טוב און רו
איז פאַרבונדן אין מיר.

ס'איז ליב מיר צו זיין
דער זונטיק דער פרייער,
זאָלן מענטשן לענגער
רוען אין די בעטן,

כ׳האָב ליב די מידע ביינער
זיי אויסצוגלעטן.
כ׳האָב ליב די זונטיק־שיינע קליידער —
פאַרביק־העלע פריידן,
ס׳וויל דער שיינער זונטיק
ניט אָנטאָן זיך אין ליידן!

ווען גרוי איז דאָס בעט
אין אַ פשוט־פּראָסטן דינסטיק,
איז גרויער נאָך דאָס בעט
ווען עלנט איז דער זונטיק.
כ׳בין דער טאָג פון צוזאָג,
פון לוסטיקע פאַרלאַנגען,
איז ווען מיין הימל ווערט פאַרצויגן,
ווען מיין רוקן טוט זיך בויגן,
טוט מיר פיינלעך ווייַ —
פאַר די עלנטע און מידע,
ווייל פאַר זיי בין איך אַ טאָג
אַ לאַנג־צעצויגענער, אַ טריבער!

איך וואָלט

ווען מיין טאָג וואָלט געווען אַ יאָר
און מיין יאָר וואָלט אַן אייביקייט זיין —
כ׳וואָלט מיט קינדער געשטיפט, מיט גרויסע געלאַכט,
און מיט יעדערן געטרונקען אַ גלעזעלע וויין.

מיט יעדן גערעדט כ׳וואָלט אַ וואָרט אָדער צוויי,
אין יעדערנס האַרץ וואָלט געטיפט זיך מיין בליק,
מיט טרייסט פון נשמה זיך טוישן
און פאַרציען אַ גאָלדענעם ברודערשאַפט-בריק.

מיין וויזיט-קאַרטל וואָלט איך ווי בלומען געטיילט,
אָדער אויפהענגען פריי אויף מיין שטערן:
כ׳וואָלט שטיין ביי מיין שוועל מיט רואיקן שמייכל,
אין געבעט: זאָל דער טאָג ניט אויפהערן!

איך וואָלט שעהען געקוקט אויף די זוניקע פלאַנצן,
און מיט די אייגענע הענט זיי אָפהיטן,
פאַרשניידן די פוילע פאַרעלטערטע בלעטלעך
און באַהילפיק זיין יונגינקע בליטן.

אויף ווייך-גרינעם גראָז, אונטער זוניקן הימל,
כ׳וואָלט שיינע חלומות געשפונען,
און ערגעץ אין גאַנג, אין צעזומערטע שעהען,
כ׳וואָלט אין האַרץ ביי מיר לידער געפונען.

נאָר מיין טאָג וויל אַנטלויפן, מינוטן זיך יאָגן,
איך ווייס ניט וווהין זיי זיך אײַלן.
איך ווייס נאָר זיי לאָזן קיין וואָרט ניט אָנשרייבן,
ווען איך פאַרגעס מיינע רגעס צו ציילן...

נאַכטיקע שעהען

עס הענגען פאַרבענקטע די נאַכטיקע שעהן
אויף שטומע טונקעלע ווענט,
אפילו קיין הינטל הערט מען ניט וואָיען,
בלויז די שטילקייט שרייט, און זי מאָנט:

פאַרוואָס אַזוי פינצטער היינט אויף די ווענגן,
פאַרוואָס אַזוי לאַנגזאַם דער גאַנג,
די פאַרשלאָפענע שעהן פאַרמאַטערטע פרעגן:
וואָס טוט היינט דער נאַכט אַזוי באַנג?

זי גייט מיט די באָרוועסע פיס אין דער שטיל
און זוכט אינעם נעכטן פאַר מאָרגן אַ ציל.
זי לעקט די מינוטן, וואָס ציען זיך קוים
און חלומט פון ליכטיקן רוים.

פון רויטע פאַרטאָגן, ווען הימל צינדט פלאַמען,
און וועקט אויף די וועלט מיט איר רוישן און שפאַנען,
געזאַנגען און קלאַנגען פון שמידן און בויען,
פוסטריט מיליאָנען און רעדער וואָס דרייען.

ביימער וואָס קושן די זוניקע שטראַלן
און מענטשן וואָס איילן און טירן וואָס פראַלן.
און קינדערשע קולות — די זילבערנע גלעקער,
זאָל קומען דער טאָג שוין, דער אייביקער וועקער.

אַזוי חלומט די נאַכט, פאַרמאַטערטערהייט,
ביז דער שלאָף האָט די פליגל פון רו אויסגעשפרייט.
און ווען הימל און ערד האָט פון חלום דערוואַכט,
האָט דער טאָג זיך פריילעך פון נאַכט אויסגעלאַכט.

צווײ נײַ־יאָרן

די יאָרן האָבן מיך באַרײַכערט,
אויך די נײַ־יאָרן די צווײ:
אײן נײַ־יאָר אין זונגאָלד געבאָרן,
דער צװײטער — אין זילבער פון שנײ.

פון האַרבסטיקער גאָלדענער שפע
צי איך דעם שנור פון די דורות.
מײַן פאָלק, סײַ פון הײַנט און פון נעכטן,
אין געראַנגל מיט בלוטיקע גזרות.

עס גליִען אין האַרבסט די גאָלד־רײַפע זאַנגען,
רײַף, ווי מײַן אוראַלטער שטאַם.
אי פרייד, אי צער אין פאָלקס־געזאַנגען
און בטחון, וואָס ווייסט ניט קײן צאַם.

און דער נײַ־יאָר וואָס אין פראָסט געבאָרן
מיט בלויע פליטערלעך פון שנײ,
טראָגט אויך דעם אָפּשײַן פון מײַן זיידן,
אַ שפּראָץ פון זײַן אַלטן פאַרזײ.

איז פון די צווײ, די עלטסטע שוועסטער:
ראש־השנה אין גאָלד און גרין —
אָנגעטאָן אין סאַמע בעסטן,
זי האָט ביטער געלערנט פון לעבן דעם זין.

הײנט טראָגן די ברכות װי װײַסינקע טױבן,
זאָלן פֿרײדן װי זאָמען זיך שפּרײטן,
מײַן פֿאָלק צװישן פֿעלקער, ניט זײַן זאָל אַ פֿרעמדער,
צוזאַמען אַ שלום־װעלט גרײטן.

אַלץ אײנײנעם

יאָרן קענען זינגען, לאַכן,
חושכן און שײנען.
יאָרן זײנען מילד, אי שטרענג,
זײ זײנען אַלץ אײנײנעם.

יאָרן קענען פינקלען העל
און פאַלן װי די שטערן.
די צאַרטע פרײד פון ליבע
האָט זײ לײַכטן אױסגעלערנט.

יאָרן — העל צעבליטע
און צעטראָטענע בלומען,
זײ בליִען און זײ װעלקן
זײ לױפן און זײ קומען.

אין שטורעמס אױפגעברױזטע,
מיט בלוט־שטראָמען פאַרלאָפן,
מיט נײַ־פאַרשײטע גזרות
און די גרײז־גרױע שטראָפן.

און מענטש שטײט אַ פאַרגלאָצטער
און פליסטערט די געבעטן,
מיט גאָט שטײגט ער װאָס העכער,
נאָר פון װעלט װיל גליק צעטרעטן.

ליגן יאָרן שווער געלאָדן
מיט ליכט און שאָטן פולע,
און פול איז אויך דאָס האָפן —
ס'וועט נאָך קומען די גאולה!

צעטראָגן זיך געזאַנגען
פון ליכט און פרייד און יאָכן,
נאָר ווען די שפע איז געראָטן
ווערט דאָך יום־טוב אין דער וואָכן.

עס צעוויקלען זיך די דורות,
זיי פרוכפּערן זיך און מערן,
מיטן אָנזאָג: עס קאָן יעדער דור
זיינע שיינקייטן געבערן.

געשעעניש ן

אַלץ וואָס דאַרף און דאַרף ניט געשען
שפּאַנען ראַשיק צו מיין טיר.
פּעקלען זיי זיך איינס נאָך איינס
געשעענישן קליין און גרויס:
אַלע מאָסן, אַלע וואָגן
און קאָלירן אַלערליי.

אָט ליגט אַ פּאַק,
ווי אַ באַרג געשוואָלן,
עס דוכט
אָט פּלאַצט עס באַלד פון ווייטיק!
און אַ צווייטער אויך אַ היבשער,
נאָר דער וויל פּלאַצן פון געלעכטער!

איין פּעקל שטייף און שווער געלאָדן,
עס וויל זיך פונעם אָרט ניט רירן.
גיב עס נאָר אַ האָר אַ טשעפּע,
ווי אַ בלאָטער רויט און צייטיק,
רינט ווי פון אַ קוואַל אַ טיפן,
אַ טרער קען לעשן, אי צינדן ווייטיק.

די געשעעגישן, ווי פונקען פייער־מערן:
אַלט־פאַרגעלטע, נײַ צעגרינטע,
און פלאַם־פייערדיק פאַרשייטע!
איבעררראַשונג און אַנטוישונג,
זון־באַגילדטע, גרוי־פאַרהילטע,
שווער־געמיטיק, אומבאַהילפיק.

שאַרף פאַרשפיצטע, אויפגערייצטע,
טיף פאַרדראָסיק און וואָס נישטיק,
וואָס פאַרמיאוסט אָפט דאָס שענסטע,
צי פאַרשוועכט דאָס סאַמע בעסטע.
אַלץ וואָס דאַרף און דאַרף ניט געשען
ראַשיק שפּאַנען צו מיין טיר!

דער איינאַליינער

גייט אַ מענטש,
וואָס האָט ניט קיינעם
איינגעוויקלט
אין זכרונות,
און טראָגט אַ פּאַק
מיט אייגענעם רחמנות,
וואָס בייגט דעם רוקן
פֿון איינאַליינעם.

קומט ווער אַנטקעגן,
צי לויפֿט פאַרביי,
אויף זיין וועג
דעם לאַנגן, קרומען,
שטרעקט אוים אַ האַנט
אַ מאָל אַ קאַלטע,
אַ מאָל אַ האַנט,
וואָס היציק ברענט
און זיין וואָרט
ביים האַרצן קלעמט.

און ס׳טרעפֿט אַ האַנט
אַ וואַרעם-ריינע,
און אַן אויג
מיט טיפֿן בליק,

וואָס רעדט צום האַרץ
פון איינאַליינעם
און צינדט אין אים
אַ פונק פון גליק:

אַז דער גאַנג
פון איינאַליינעם
זאָל גיין מיט מיר
און דיר איניינעם.
ווי די פלאַטערלעך,
די פייגל שיינע
צוזאַמען פליִען
שנעלער נאָך.

ס'איז דער מענטש
דאָך אויך אַזוינער,
מיט זיין מין
און מיט זיין סאָרט,
לייכטער טראָגט
דעם שווערן יאָך.
וואָס העכער קוקסט,
מער הימל זעסט
און דיין וועג
ווערט העלער נאָך.

מיט פאַק רחמנות
אונטער טראָט,
גרינגער איז דער גאַנג

און גיכער,
און די וועלט
אַ ביסל שענער,
קיינער איז קיין
איינאַליינער,
ווען אמת זוכסט
מיט מיר איינינעם.

דאָס לעבן באַקלאָגט זיך

דאָס לעבן האָט זיך אָנגעברוגזט
און מורמלט שטיל און האַלב אין כעס:
פון אַלע זייטן, פון אַלע עקן,
מען צופּט, מען רייסט,
מען שעלט מיט האַס:
„אַזאַ לעבן — אויף מיינע שונאים!
מיך אַרט ניט, עס זאָל אונטערגיין.
אַז דאָס לעבן האָט קיין פּנים,
ס'איז ווי מיינע צרות שיין...״

ווער ס'מאָנט פּרנסה,
ווער געזונט,
אַ טראָפּן ליכט,
אַ העלן פונק,
אַלע מאָנען, אַלע בעטן,
ער ווייסט ניט
ווו זיך אויסבאַהאַלטן,
נאָר מען טוט אים שעלטן!

אַזוי און נאָך —
דאָס לעבן ווערט באַליידיקט
טאָג־איין טאָג־אויס.
וואָס קאָן ער טאָן?
בעט זיך דאָס לעבן:

„אָ מענטש,
קום צו הילף מיר!
בלויז דו אַליין
קענסט מיר העלפן וואָס טאָן...
בלויז דו אַליין
קענסט זיין דער העלד פון טאָג".

דאָס פּנים און דער שפּיגל

ס'איז ערגעץ ווו אַ טעות דאָ געשען,
אין געאייל פון צייט אַפּנים,
דאָס האַרץ, נאָך אַלץ, ווי פרילינג יונג,
נאָר פאַרעלטערט איז דאָס פּנים.

זאָל זיין אַז שולדיק איז דער שפּיגל,
אָ, איך וועל פון אים אַנטלויפן, ווייכן,
נאָר ער פאַרפאָלגט מיין יעדן טראָט,
און וויל יעדן ברעקל אונטערשטרייכן!

דער שפּיגל קריכט מיר אין די אויגן —
אַ גרויסער עזות-פּנים!
ער מעסט מיר אַלע שטריכן, קנייטשן,
פון די יאָרן, די וויסטע סימנים.

פון אים קיין זאַך, ווערסט ניט באַהאַלטן,
מיט אים קאַטאָוועס ניט צו טרייבן,
ער האָט ליב דעם ריין-ברוטאַלן אמת,
אַ יעדן שטריכעלע פאַרשרייבן.

אים אַרט ניט, וואָס דיין האַרץ איז יונג,
אים גייט בלויז אָן דאָס פּנים,
אָט די אַפּשטעמפּלער פון יעדן טאָג,
מיינע אינערלעכע שונאים!

אַזוי שטייט מיין פּנים פאַרן שפּיגל,
ווי אַ מסור רעדט און קריצט די ציין!
און אַז דאָס הארץ איז אייביק יונג
דאָס ווייס איך נאָר אַליין.

דער זייגער רעדט

דער זייגער שפּילט מיר אויס די שעה
און זאָגט מיר אָן די בשורה,
אַז יעדער טיק־טאַק פון אַ רגע
מעקט אָפּ פון טאָג אַ שורה.

די צייט, זאָגט ער, איז אייביק,
זי לעבט אפילו אין פאַרגיין.
קלאַפּט ער ריטמיש אויס די שעה
אין כבוד פון אייביקן זיין.

ער לאָזט זיך הערן אויפן קול,
כדי זאָלסט ניט פאַרזאַמען,
אַ שעה פאַרלירן פונעם היינט
דיין מאָרגן קען פאַרשעמען.

טעג און מאָרגנס אָן אַ שיעור,
נאָר דיינער איז בלויז איינער.
פאַרוועב, זאָגט ער, די רגעס דיינע
מיט די פעדים שיינע.

צייט אין ניוועץ לאָז ניט פאַלן.
פון קליינע רגעס גרויסער טאָג.
היט אָפּ, ווי אַ געטרייער שומר,
די צייט אַליין איז דיין פאַרמאָג.

אַזוי רעדט צו מיר דער זייגער,
ווען ער קלאַפּט די שעהען אויס:
טו אָן דיין שעה אין רויטן ליכט,
זי קען דיך פירן צום פאָרויס.

שווער צו פאַרגעסן

ס'איז שווער צו פאַרגעסן,
וואָס מען וויל ניט געדענקען,
די זכרונות, זיי ווילן
קיין טראָפּן ניט שענקען —
שטענדיק זיי וואַכן
אַפילו אין חלום.
זיי לייגן קיין מאָל
זיך ניט שלאָפן אַפּנים.

זיי היטן מיר אָפּ,
דעם זכרון דעם ריינעם,
חלילה איך זאָל ניט פאַרגעסן
אָן קיינעם.
קיין טאַט ניט, קיין וואָרט,
ניט קיין פלאַמיקע שטונדע
זיי פאַרהיטן דעם שורש
פון יעדער סעקונדע.

פון שאַטנס פאַרשפּרייטע,
פון הארצן דער ציטער,
פון צעריסענע טעג
ווי פון שטורעם געוויטער.
זיי צעוויקלען חרטה —
אי פרייד, אי רחמנות,
זיי זוכן אויף אַלטע
און טויטע נאמנות.

אַ טעות, ווי סמאָלע,
וואָס ציט זיך און ציט.
אַ שטרויכל אַ קליינער
אין די יאָרן פאַרבריט.
אַ וואָרט אַ צעהיצטער
פון זיך צי פון יענעם,
און די מענטשן וואָס זיינען
ניט פריינט און ניט שונאים.

די טעג לאַנג פאַרוועלקטע,
וואָס ווילן ניט שטאַרבן,
זיך האַלטן ביים לעבן
מיט שטריכן און קאַרבן.
איז שווער צו פאַרגעסן
וואָס מען וויל ניט געדענקען,
ווי ס׳איז שווער איינצוהאַלטן
די כוואַליעס פון בענקען.

איך קריג זיך מיט מיין ליד

ווען איך נעם זיך קריגן מיט מיין ליד
איין גאָט זאָל נאָר אָפּהיטן!
ווי פייל פון בויגן שאַרפע רייד
און גאַנצע פערזן-שניטן.
און די פאַרמיטלערין די פען,
זי האָט ליב צו שטרייכן;
דאָ אַ טעות, דאָ אַ גרייז,
דאָס סאַמע בעסטע וויל דערגרייכן.

און איך, מיטביידן אין פאַרמעסט:
דאָ אַ פּינטל, דאָ אַ זאָג,
דאָ אַ שפּאָגל נייער וואָרט,
נאָר דאָס ליד אַליין
רירט זיך ניט פון אָרט,
אָפּטמאָל גייט עס אויך צוריק
און מיינט עס גייט פאָרויס.

מיר ווערן ביידע אויסער זיך,
נאָר דאָס פאַרעקשנטע עקשנות
רופט און מאָנט און ווערט ניט מיד.
אינמיטן נאַכט, אינמיטן שלאָף,
אַ בליץ, אַ וואָרט,
עס וועקט דיך אויף!
עס שטויסט, עס פלאַמט, ווי פייער,
דאָס ליד, צו האַלטן טייער.

עס צינדט און לעשט
און ווידער צינדט.
און אָט אַ נייעם וואָרט געפינט,
און אַ פּראַזע און אַ קלאַנג,
און אַ שטראַל צעלויכט אין אויג,
אַלץ איז העל און אַלץ איז בלוי,
עס גייט אויף אַ ניי געזאַנג.
און אויפגעלויכטן ווערט דער היינט,
ווער איך מיט ליד שוין ווידער גוטע פריינט.

אַ ליד — אַ פריינט

ווען לידער ווי שטראַלן, פאַרשטעלט פון די וואָלקנס —
זיי רייסן זיך ווערן געבאָרן,
טייל ווערן אַנטרונען, ווי בלעזלעך צערונען,
ווייל די כמאַרעס פאַרקירצן די יאָרן.

ליב האָט דאָס ליד די פריי-ברייטע וועגן —
מיט גאָלד אויסגעזוימטע פון זון,
דעם ליד קענסט ניט זאָגן, ניט אויסריידן, קלאָגן,
ניט באַפעלן מעכאַניש: אַ קום!

אַ ליד, ווי אַ פריינט — ערלעך, באַשיידן,
אַלץ וויל דערהערן, דערזען,
כדי דיינע ליידן פון מאָרגן פאַרמיידן,
אַ ליד ניט פאַרגעסט, וואָס געווען.

אַ ליד קוקט דיר טיף אין נשמה אַריין,
די נבואה, וואָס שפאַנט אויף די וועגן,
אַ ליד איז די אומרו, די פרייד און די רו,
ווי אַ פלאַנץ מוז עס פריי זיך באַוועגן.

אַ ליד אַזוי נייטיק ווי ברויט אויפן צונג,
ווי די ליבע וואָס לייכט אין די אויגן,
געבאָרן פון פרייד, פון ציטער און לייד,
פון שטורעם און פון רעגנבויגן.

אַ גורל פון אַ בוך

מען זאָגט אַז יעדן זיין שיקזאַל איז באַשערט,
און באַלוינונג קריגט מען נאָכן ווערט.
איז מיר באַשערט צו ליגן
אויפן פּאָליצע ביים וואַנט,
און קיין איינציקער מענטש
זאָל ניט נעמען מיך אין האַנט.
מיינע בלעטלעך פאַרשעמטע, ניט צעשניטן.
עס האָט קיינער וועגן מיר
קיין איינציק וואָרט פאַרביטן.

מיין האַרץ גייט אויס נאָך פינגער־פלעקן.
פיינלעך־ריין, פאַרפרעסטע ליגן מיינע זייטן.
צום טיש, ווו שמועסן זיך פירן,
האָט מיך קיינער קיינמאָל ניט פאַרבעטן.
זאָל ווער מיין נאָמען כאָטש דערמאָנען:
גוט, צי שלעכט, שולדיק צי גערעכט —
כאָטש באַרירן סתּם מיין טאָוול.
איך גיי אויס פון אומעט,
עלנט ווי אַן אבל.

ווי אַ בלעטל פאַלט און ווייסט ניט ווו
בין איך אין אַ „פּלעט" מגולגל געוואָרן.
כ'בין געוועזן מיין שעפערס גאָלדענער חלום,
מיך געגערט מיט יושר און שלום.
ווי אַ קינד מיך געצערטלט,

קיין מי ניט געשפּאָרט,
מיט גאָלד פון דער זון
געפאַרבט מיין יעדן וואָרט.
האָט אַ פלעט־גומער מיך פאַרשיקט
אויפן פּאָליצע צו לעבן
ביטער איז די שעה,
וואָס קאָן קיין פרייד ניט געבן.

נאָר ווען אַ האַנט ווישט פלוצלונג אָפּ
פון מיר דעם שטויב,
גיט מיין האָפנונג
מיט פרייד זיך אַ דערהויב:
עס וועט דער מענטש מיך באַלד
דערפילן ווי אַ פריינט,
מיך לייענען
און זיך פאַרשענערן דעם היינט.
איך טראָג דאָס שליסעלע פון גאָלד
צו דער ליכטיקער שיין;
אָ ריר מיך אָן מיט דיינע פינגער
און קוק טיף אין מיר אַריין!

אָ, בלעטער מיך,
ניט לאָז מיך פון דיין האַנט,
ניט באַהאַלט מיך מער
אויפן פּאָליצע ביים וואַנט.
מיט טרער און ציטער מיין געבעט:
אָ, גיב מיר מענטש,
אַ טראָפּן פון דיין צייט,

באַטראַכט, פאַרנעם מיין וואָרט,
מיין יעדן אות,
כ׳וועל דיר באַלייכטן דיינע טעג,
דיין פאַרוועג און דיין פאַרוואָס!

אותיות

אותיות, ווערטער, פינטעלעך און שורות,
איר טראָגט מיט זיך פיל־דורותדיקע גבורות.
אותיות פירקאַנטיקע, רונדע און ברייטע —
ווי קערנער פולע אויף פרייען פעלד צעשפרייטע.

די פאַרבן פונעם רעגנבויגן —
די שטורעם פייגל, די פייל און בויגן.
פון אותיות קליינע, ריזן־שפּראַכן,
וואָס קענען לייד און פרייד און מונטערקייט דערוואַכן,

אויך רשעות קענט איר היים צעצינדן,
אין גרויען זאַק די זון פאַרבינדן.
און ווערטער טיף ווי דיינע, קלאָרע קוואַלן,
וואָס קענען לויכטן און צעפּראַלן —

טיר און מויער און וועלט צעהעלן,
איר קענט מאָנען, לערנען, אַלץ דערציילן:
פון ווייטע דורות, פון היינט און האַרבן נעכטן,
פון פאַלשע זיגן, פון טויט־געפעכטן.

פון בלוט און טרערן מיר דערציילן,
אויך וואָרט וואָס קען די ווונדן היילן.
אַ וואָרט פון ריינעם האַרץ־באַשיידן,
קאָן אָפּט דאָס וואָרט פון צער פאַרמיידן.

אָ אותיות וואַכע, שטאָלצע וועכטער,
די אַפּהיטער פון וואָרט געדעכטן.
דער פלאַם וואָס ליכטיקט די נשמה
און קען אויסברענען דאָס וואָרט מלחמה.

איר טראָגט די חכמות פון די דורות
און פּסלען קענט איר ביטערע עבירות.
אָ ווערטער, אותיות, שפּיציקע און רונדע
איר דינט מיך טריי אַ יעטוועדע סעקונדע.

און די אותיות קאַנטיקע אין וואָגל-טעג געבאָרן
אויף שוועלן יידישע, ניט גיין וועלן פאַרלאָרן.
ס׳קען קיינער דיינע פוסטריט ניט פאַרווישן,
פון טיפע קוואַלן ביסט געפלאָסן
און אייביק וועסטו פליסן.

דערמאָנונג

כל זמן...

מענטש אַנטקעגן גייט דעם טויט,
און בייקומען קאָן גרויל און פּיין;
כל־זמן פאַר אים די זון איז רויט,
קאָן ער אַלצדינג גובר זיין.

ווינט קאָן בייסן, אי דערפרישן,
מענטש פאַרנעמט אי שלעכטס אי גוטס,
די צייט פאַריכט נשמה־ריסן,
היילט און צינדט אויף ס׳ניי זיין מוט.

אַלץ וואָס בליט פאַרגייט אין שטאַרבן,
דאָך פלאַם פון לעבן איז אייביק דאָ.
דער טאָג פאַרגייט אין די שענסטע פאַרבן,
די צייט פאַרמאָגט קיין לעצטע שעה.

קיינער קאָן דעם עול ניט טראָגן
אָן שום ליכט פון חלום־שיין;
דיין טאָג מעג זיין ווי שווער געלאָדן,
מיט טרוים־געזאַנג וועסט גרינגער גיין.

מעג דאָס האַרץ זיין פול מיט קאַרבן,
פאַרדאַרטער בוים צעוואַקסט אויפסניי;
כל זמן דאָס אויג קאָן זען די פאַרבן —
לעבן שפאַנט דעם טויט פאַרביי.

צי ווערט נעלם?

צי ווערט נעלם דעם מענטשנס גאָלדענע חלומות
צוגלייך מיט זיינע אָפּגעלעבטע טעג —
ווען זיין לעבן ווי אַ פאָדעם רייסט זיך איבער
און פאַרענדיקט ווייט-זעעוודיקן וועג?

צי ווערן נעלם די מחשבות, ריינע, סיי פאַרשייטע,
זיין וואָרט און זיין רווישיקער שפּאַן —
ווען זיין אָטעם ווי מיט וואַקס ווערט פאַרחתמעט —
צי בלייבט כאָטש איין פונק פון זיין פלאַם?

ווערט נעלם זיין וויסן? זיין חכמה, זיין גלויבן?
זיינע טאָטן פאַרוועלקטע און די העלע ווי זון?
ווערט אַלץ דען פאַרשטומט, ווי זיין לשון?
ווערט אַלצדינג פאַרשוווּנדן מיט אים?

ניין — אַ גרעזל צעגרינט הינטער גרעזל פאַרגעלטן,
צען בליטן צעבליען פאַר יעדער בלום, וואָס פאַלט אָפּ.
וואָרצל פון בוים, ווערט זיך טיפן און שפּרייטן
און שפּראָצן נאָכדעם, ווען מען האַקט אים אַראָפּ.

מענטש איז באַשאַפן מיט פונקען פון שיינקייט,
זאָל זיין טאַט, זיין אַ גאָלדענער שטראַל;
צעוואַקסן זיך פלאַנצן פון זוניקע שטראַלן
און שפּראָצן אין וועלט-איבעראַל.

אַ וואָרט ווערט פֿאַרקריצט אין האַרץ פֿון די דורות,
וואָר, ווערט צעהעלט פֿון אַ ליכטיקן חלום:
איז ווייל יענע טאָטן די מענטשלעכע שיינע,
ווי די לופֿט ווערט עס קיינמאָל ניט נעלם.

שטיל געזאַנג

ווען הארץ פון אומעט וויינט
ווייז איך גלייך מיט איר,
ווען טעג זיינען נאָך זון פאַרבענקט
בענק איך שטאַרק נאָך דיר.

עס וויל מיין פייכט אויג דערזען
מיין פּנים אין דיין אויג:
ליכטיק העל, אַט ווי געווען
מיט שטראַליקן, צאַרטן פאַרנויג.

דאָס הארץ עס מאָנט און בענקט,
איך צייל די גרויע טעג.
דער נעפּל ווי אַ פאָרהאַנג הענגט
און טונקלט מיר דעם וועג.

ווערן שעהען אייביק-לאַנג
זיי ווילן ניט פאַרגיין.
זוך איך אויס אַ שטיל געזאַנג
און זינג פאַר זיך אליין.

צעטראָגט זיך דאָס ליד אין דער לופט,
זי פריידט זיך אויף מיין ליפּ,
דער ניגון דערמאָנט מיך און רופט —
די פרייד פון זיין פאַרליבט.

ווערט דאָס האַרץ מיט ליבשאַפט פול,
מיט בענקשאַפט און מיט פּיין,
פון אַלץ וואָס געווען איך זינג אינדערשטיל,
פון ליבע וואָס אייביקט אין זיין.

זיי ווייסן קיין שיעור

אַ ווײַן ניט האַרץ, אַ שאָד דײַנע טרערן,
ס'וועט סײַ ווי שוין לײַכטער ניט זײַן.
די הייסע טרער קאָן דײַן ראיה צעשטערן
און אַלץ קאָן נאָך טונקעלער זײַן.

איך ווייס, ווי ס'איז שווער צו באַהאַלטן דײַן וויי,
ווען האַרץ ווי מיט רײַפן און פרעסט.
ניט גרינג אויסצושפּייען דאָס לעבן אַזוי,
ווי אַ קערנדל פון פרוכט וואָס מען עסט.

ניט גרינג איז דער שמייכל מיט טרערן אין אויג,
כאָטש די שקיעה וויל גלעטן מײַן האַרץ,
אָפט גיט מיך די סתירה אין דרייען אַ בויג,
ווי קאָן ליכטיק נאָר זײַן, ווו ס'איז שוואַרץ?

איז גוט וואָס אַמאָל כאַפּסטו זיך אָן אָן אַ שטרוי,
ווילסט דעם יאוש פאַרטרייבן אויף גיך!
אויב לײַכטער קאָן ווערן פון אויסשרייען אוי!
איז בעסער ווי ווײנען אין זיך.

צווישן לעבן און טויט, אין צעשויבערטע טעג,
צוויי מאָנער, ווי כוואַליעס אין טיר —
און ביידע זיי שטורעמען אויף זיגזאַגן-וועג:
ליבע און בענקשאַפט, זיי האָבן קיין שיעור.

אַ וויכוח מיטן טאָג

עס פרעגט מיך דער טאָג אין זיין רויטן באַגינען
צי וואַרט איך אויף אים מיט ציטער פון פרייד,
צי ווייס איך ווי שיין ער וויל מיך באַדינען,
צי קאָן איך פאַרשטיין זיינע פשוטע רייד.

און דעם קלאָרן באַוווּסטזיין, אַז היינט איז ער דאָ,
אַז מיט מיר וויל ער טיילן זיין ליכט,
ער ברענגט מיר מתנות — די עטלעכע שעה,
ער נעמט פאַרן האַנט מיך און פירט:

צו די זוניקע בערג און פינצטערע טאָלן,
צום זיגזאַגן, שטעכיקן וועג,
און צום מענטש וועלכער זעט ניט די העל־בלויע שטראַלן,
וועלכער זעט בלויז פאַרנעפּלטן וועג.

ער פירט מיך צוהערן דעם אייביקן ניגון
פון ריטמישן ליכטיקן ים
זיין געזאַנג זאָל מיט ליבע־שפּרודל פאַרוויגן
און לעשן פון בענקשאַפט דעם פלאַם.

איך גיי נאָך דעם טאָג מיט די בליקן צום טאָל,
שטיל איז דאָרט, טונקל און פראָסט.
דאָרט דרימלט מיין חלום. דאָרט ציטערט מיין קול,
דאָרט וואַרעמט מיך אייגענער פראָסט.

און דער טאָג אַזאַ בלויער, אין גאָלדענעם זומער,
ער רעדט צו מיר שטרענג, נאָר געלאַסן,
צי וויל איך, ער זאָל צו מיר מער ניט קומען,
צי וויל איך פון טאָג זיך אָפּשליסן?

עס רייצט מיך זיין קול, איך וויל אים פאַרשטיין,
די וואָג־שאָל איז לאַנג מיר באַקאַנט.
שווער מיר צו זאָגן אים יאָ, אָדער ניין,
ווי שווער ס׳איז די בענקשאַפט וואָס צאַמט.

דיך היינט באַזוכט

צו ראָבערטן

דיך היינט באַזוכט מיין ליבלינקער,
מיט בלומען ראָזעווע און ווייסע,
מיט גרויע טעג צעריסענע,
מיט מיין טרער די הייסע.

באַנעצט די ווילדע בלימעלעך,
די נייע גרעזעלעך די גרינע,
איך זוך אין זיי דיין שמייכל,
דיין האַרציק-ליבע מינע.

איך זעץ זיך צו דאָ לעבן דיר,
איך וויל דיר אַלץ דערציילן,
ווי ערשט ניט לאַנג אַרום מיין טיש
מיר פלעגן זיך פאַרווײלן.

פון די יידישע גלייכווערטלעך
איז דיין טרער פון האַרציק-לאַכן
אַ פינקלדיקער שטערן —
וואָס יומטובט אינדערוואָכן.

היינט, דיין גריבלען זיך, פאַרטײיטשן —
ווי אַמאָל מיין זיידע אינעם קלויז.
דיין פרייד האָט מיר די ווענט צעשפּאַרט,
מיט גליק באַלויכטן האָסט מיין הויז...

איצט רעד איך צו די גרעזעלעך,
די בלימעלעך וואָס וואַקסן איבער דיר,
אין פעלד די זון אַ הייסער פלאַם,
נאָר איך אויף אייביק — פריר און פריר.

קיין טרייסט

ווי קאָן מען נאָר זאָגן „געוועזן",
אַז פול איז מיין האַרץ מיט זיין וועזן,
עס דריקט מיך ביז אומקום
זיין זינלאָזער טויט.
אין אים איז פאַרקערפּערט
מיין אָטעם, מיין בלוט,
מיין ביין און מיין לעבן.

אָ, ווער האָט עס היינט
פאַרלאָשן די זון?
וועמעס גיריקער הונגער
פאַרצוקט האָט מיין זון?
אַלט איז דער טויט,
יונג איז דער קרבן —
צוויי העסלעכע פרעכע מינוטן
אים באַרויבט פון זיין העלן פרימאָרגן.

איז נישטיק מאַכטלאָז מיין טרער
אַנטקעגן דעם שטורעם פון טרויער.
ווי אַ טראָפּן אין ברויזיקע ימען,
אַזוי קאָן ניט פאַרלעשן מיין טרער
דעם פלאַם פון דער מאַמעס ווייען.
צאַנקט אַ קנייטל,
אַ קליין בלאַסער פלעמל,
און מיין גאָלד־העלער פלאַם

ליגט פאַרלאָשן און קאַלט.
נאַכט האָט אויף אייביק
פאַרשלונגען דעם טאָג —
קיין טרייסט צו פאַרנעמען,
קיין טרייסט איז ניטאָ.

אַ טרער

אַ טרער איז דער פונק פון צעגליטער נשמה.
ווי פון שטאָך אינעם לייב, שפּראָץ בלוט.
פון טרויער־געפיל די סימנים,
סיי פון פריידיק־צעהעלטער מינוט.

זי פליסט פון די טיפסטע, פאַרבאָרגנסטע גרונטן,
קען אָפט זיך אַליין ניט פאַרשטיין,
אַ מאָל פון אַ טאָג אַ טעמפּיק־פאַרשטומטן,
סיי פון טאָג, וואָס איז רוישיק, אי שיין.

אַ טרער קאָן פאַרבלענדן, אַ טרער קאָן פאַרווישן
די כמאַרעס וואָס שוואַרצן די שעה.
נאָר די טרער, ווען דער עלנט קאָן הימלען צערייסן,
איז קיין צווייטע צו איר גאָר ניטאָ.

ס׳איז אַנדערש די טרער פון האַרציקן לאַכן,
זי ווייסט ניט פון ווייטיק, פון קרעכץ;
נאָר אַ טרער איז אַ טרער, מיט אייגענע שפּראַכן:
די קוואַלן פון גוטסקייט און שלעכטס.

אַ טרער פון פאַר׳ליבטע: אַ פאַרצוויגענער וואָלקן,
וואָס באַהאַלט פון לבנה דעם שיין.
איין קוש וועט אויסגלעטן, אויסגלייכן די טאָלקן,
ווי די טרער וואָלט אויף אייביק פאַרגיין.

אַבער הייסער פון אַלע איז די טרער וועלכע קאָן ניט
באַווייזן איר פּנים דער וועלט;
זי טריקנט אין האַרצן און ווייסט ניט אַפּנים,
אַז מיט איר ווערט דער מענטש אויך פאַרוועלקט.

דער בוים ביים ים

דער בוים וואָס באַלד צום הימל גרייכט
זיין שטאַם איז דיק, ווי סאַמעט גלאַט.
מיט גרינעם שטאָלץ, ער קוקט אַראָפּ צום ים,
ווי אַ געטרייער וועכטער אַלץ היט אָפּ.
און אויבן דאָ, די ביימער, גראָזן,
גאָלד און גרין און טערפּקע־קיל,
מענטשן קומען דאָ שפּאַצירן
הין און הער, ווי צעזונטער פאַרבן־שפּיל.

דער שטאָלצער בוים קען יעדן איינעם.
פאַר אים זיין האַרץ, גיסט יעדער אויס!
איז פול זיין לייב מיט ליבע צייכנס,
וואָס ליבשאַפט און וואָס צער קריצט אויס,
זיין האַרץ פאַרנעמט אי פרייד, אי טרויער,
אָפט דערפילט אַ מאַמעס טרער,
ווען זי פאַרטרויט אים אירע ווייען,
איר שטומען, בייסנדיקן צער.

צאַרט פאַרצייכנט זי דעם נאָמען,
פונקט זי גלעט איר ליבן קינד,
זי הענגט דאָ אויף צעשטערטע טרוימען
ווי די בלעטלעך פלאַטערן אין ווינט.
איר דוכט, דער בוים אַליין פאַרשטייט איר,
ניט קיין מוסר, ניט קיין טרייסט,
ביידע ריידן זיי אין שווייגן,
ווי אַ קלוגער ווונק, וואָס אַלצדינג ווייסט...

און ווען דער בוים נעמט רוישן, שאָרכן,
ווען ער צעברויזט זיך ווילד,
דאָס וויל ער אָנזאָגן דער מאַמען,
אַז ער, איר האַרץ דערפילט.
אַזוי שטייט דער אַלטער בוים אַ זאַטער
מיט ליבע און מיט פּיין,
שטורעם-ווינט אין זיינע גלידער,
אויך שטורעם פונעם מענטש זאַפּט איין...

מענטש פון געזאַנגען

לזכרון דעם פאָלקס־קאָמפּאָזיטאָר יוסף שראַגין

אַליין זיך געמאָסטן, אַליין זיך דערהויבן,
נאָך פון קינדהייט די אויגן צו זונליכט געווענדט.
די לאַסט פון די טעג האָט זיין איך ניט געבויגן,
שטענדיק צום ליד האָט זיין בענקשאַפט געברענט.

נגינה האָט טיף אין זיין האַרצן געטויכט,
און צאַרט־אויסגעחלומטע לידער געבראַכט.
און זיין מי — פולע שפע מיט פרייד אָנגעהויכט,
ווען אַ קלאַנג האָט אין אויער דערוואַכט.

אַ גאָר פשוט וואָרט האָט באַקומען אַ תיקון,
באַקליידט מיטן שטראַל פון זיין קלאַנג.
וואָרט מיט נגינה זיך פאָרן
ווי פאַרליבטע אין הימלישן גאַנג.

הענגט פאַריתומט דאָס וואָרט, אין שאָטנס פאַרוויקלט,
דאָס ליכט און דעם קינסטלער פאַרלאָשן,
האָט אַ שטראַל זיך אויף צווייען צעבראָכן
און פון אויג האָט אַ טרער דאָ געפלאָסן.

בענקט דאָס האַרץ נאָך דעם מענטש פון געזאַנגען
און זוכט אַ טרייסט צו שטילן די פיין.
קלינגט אָפּ זיין קול: עס איז אַלץ ניט פאַרגאַנגען —
מוזיק איז לעבן און לעבן איז זיין.

אין ליכט פון זיין שפּע לעבט ווידער דער מענטש,
די לידער צעזינגען זיין נאָמען.
אי טרויער, אי פרייד פון נגינה אים בענטשט
און מיט יראת-הכבוד וועט מענטש אים דערמאָנען.

אויפֿן פֿעלד

אין מיטן טאָג זאָל פֿינצטער זײַן
און קיינער רעדט ניט אויס קיין וואָרט.
בלויז דער ווייטיק שרייט צו מיר:
ניטאָ, ניטאָ פֿאַר דיר קיין ליכטיק אָרט!

דײַן נאָמען זינגט אַראָפּ פֿון שטײַן
אָן שום ניגון, אָן שום קלאַנג,
אין זיך אַליין, איך הער דײַן קול
און זע דײַן אָפּגעהאַקטן גאַנג.

איך קוש די גרעזעלעך, דעם קאַלטן שטײַן
און אַט אַ פֿייגעלע בײַ מײַן זײַט,
שטאַר, שטום זי קוקט מיך אָן
און אַלץ איז אַזוי פֿרעמד און ווייט.

בלויז די בענקשאַפֿט, ווי טעמפּע שווערד,
זי שנײַדט און לעקט די רויע ווונד,
די טרערן פֿאַלן וואָגיק־שווער
נאָר ס'קען ניט לעשן די בענקשאַפֿט
נאָך מײַן קינד.

זיין ליכט איז דאָ

דעם אָנדענק פון חבר פּאָוערן געווידמעט

מענטש, ווי גרינער בוים צעבליט,
מיט חלום וואָס אין האַרצן גליט.

מיט טרייסט אין בליק פאַר חושך-וועלט,
ווי טונקל איז — ווערן זאָל צעהעלט.

מענטש, ווי זיינע צאַרטע, בלויע טעג,
ער לויפט פאַרביי אַ יעדן וועג.

מעג זיין דער וועג סיי גלייך, סיי קרום,
סיי רעשיק-העל, סיי טונקל-שטום.

מיט טראָט פאַרויס, ער שפּאַנט און פרעגט
און אייביק זוכט דעם גלייכן וועג.

און ווען האָריזאָנט פון וויטן שיינט,
שטויסט דער בייזער ווינט זיין היינט!

דורך באַרג און טאָל — צעזונטע שעה,
געוועזן, אַוועק און ווידער דאָ.

ווען פראָסט צעגליט אין זיינע האָר —
אין ווייסן גלי — לויכט העלער דער קאַיאָר.

איז גוט וואָס ליכט בשפע איז געווען,
דער נעכטן גאָלדענער, דעם היינט באַלויכטן קען.

אַלץ איז אָנהייב, פון נעכטן וואַקסט דער היינט,
אַלץ וואָס לעשט זיך, ווידער שיינט.

און די ליבשאַפט פון מענטש ווען ער איז שוין ניטאָ,
איז אַ טרייסט מיר זיין ליכט, וואָס פאַרבליבן איז דאָ.

צו מיינע ליבע...

צו פיל, מיינע ליבסטע
פאַרשוווּנדן, אַוועק,
איך טראָג אייך אין האַרצן
מיט ווונדיקן ציטער,
אין חלום פון ווייט,
בלויען ווייט,
אָ, ליבסטע, איר אייביקט
אין דויער פון צייט.

ווער נענטער, ווער ווייטער
אַלע איך זע אייך,
אַלע איר פעלט מיר,
איר ליכטיקע, זוניקע נעמען
וואָס באַלייכטן
די אייגן-פאַרלאָשענע פלאַמען.

ווער רעדט שוין פון ראָבין,
פון טעדן, צי פּאָלין:
דאָס זיינען די נעמען
מיט זונליכט פאַרשריבן,
אין האַרצן פאַרחתמעט,
אין בלוט מיר פאַרבליבן.

יעדן טאָג, יעדע שעה,
אין מיין דמיון
איר לעבט,

נאָר די שעה
איז פאַרטונקלט
און מיין פרייד
איז ניטאָ.

און די פריינט מיינע ליבע
שפרה און לואי
קערי, רוטי און עטל,
משה און שלמה,
שמוליק און שרה,
ווער קען זיי גאָר ציילן
צו פיל כ׳האָב פאַרלאָרן,
צו ווינדיק די ווונד איז געוואָרן.

צו אייך זינג איך אויס
פון האַרצן דעם טרויער,
פון אומעט דאָס פייער
אַ פלאַם נאָר אַ הייסער ;
מיינע טרערן אויף ברעמען —
די טראָפּנס, וואָס לעשן
פון בענקשאַפט די פלאַמען,
און מיט ליבשאַפט דערמאָנען
אַ יעטוועדנס ליכטיקן נאָמען.

מיטלמעסיק

אַ מאָדנע זאַך דער שלאָף מײַנער,
ער האָט ליב זײַן מיטלמעסיק.
שלעכט אָדער גוט, אין עקסטאַזן אַרײַן,
באַלד װערט אים אַלץ איבערדריסיק.
און ער, װיל קײן אױג ניט צומאַכן,
װי אַ פּיצל־קינד — פֿאַרצױגן
װאָס נעמט קײן ביסן ניט אין מױל
מעג די מאַמע אױסװײנען די אױגן.

און װען שװערע װאָלקנס דראָען מיך,
איז פּונקט אים װאָלט עס געטראָפֿן,
ער פֿינטלט כּמורנע מיטן אױג
און פֿאַרגעסט זײַן פֿליכט צו שלאָפֿן.
צי װען די זון איר גינגאָלד גיסט
און מיר װיל זי באַגליקן —
װערט װאַך דאָס האַרץ פֿון זיסן שלאָף
מיט מײַן פֿרײד ער װיל זיך קװיקן.

ניט פֿאַרשלאָפֿן זאָגט ער, ניט פֿאַרזען,
ניט פֿאַרזאַמען קײן סעקונדע.
איז ער אַ שונא, צי אַ פֿרײַנט?

אַ מאָדנע זאַך דער שלאָף מײַנער,
ס'איז מיר שװער אים צו באַדינען.

ער וויל בלויז מיטלמעסיק זיין
און איך וויל די פיינפולע בענקשאַפט פון שקיעה
און דאָס פלאַמיקע ליכט פון באַגינען.

יוגנט

עס גייען מיר נאָך מיינע מיידלשע יאָרן,
ווען געיאָגט האָבן טעג זיך נאָך טעג,
אין די בענקשאַפטן ווער איך ווי איבערגעבאָרן,
מיט אומרו אויף באַרגיקן וועג...

טעג ווי די כוואַליעס אויף רוישיקן ים,
ענדלאָזע קומען זיי אָן.
ווען די נויט האָט געמינערט פון לעבן דעם פלאַם,
צינדט יוגנט איר אייגן ליכט אָן.

די אומרו אין יוגנט ווי ימיקער שטורעם,
וואָס שוימט צו אַ ברויזיקן ברעג.
איז דאָס האַרץ אַ צעוואַקלטער טורעם
און די טריט אָפט פאַרלירן דעם וועג.

אומרו געוועלטיקט נאָך אַלץ אין מיין וועזן,
טיף זיך פאַרוואָרצלט אין מיר.
עס קאָנען די יאָרן דעם דראַנג ניט אויפלייזן,
כאָטש האַרבסט איז שוין דאָ ביי מיין טיר.

אין כלערליי פלאַמען איז יוגנט געבאָדן,
און גליק איז ניט שטענדיק אין ציל.
האָבן יאָרן געטיילט מיר פון שטורעם דעם שאָדן,
און פון רעגנבויגן דעם שפּיל.

לינדאַ

איך זע זיביים שפּיגל אין ראָזעווען קליידל,
זי קעמט אירע ברוינע צעכוואַליעטע האָר.
אַ בלימל איר פּנים, אַ יונגינקע ביימל,
מיט ליבשאַפט אַ ליכטיקע פּאָר.

איך זע זי מיט ביכער אין שולע זיך איילן,
און די רו גייט איר נאָך אירע טריט;
איך זע זי מיט חברטעס פריילעך פאַרווײלן,
אירע פּופּצן יאָר פרייען זיך מיט.

איך זע ווען זי שלאָפט, אַ שטראַל איז איר פּנים,
ווי אַ קנאָספּל, אָט עפנט זיך אויף.
ווי די מאָרגן־זון לויכט איר שמייכל אין חלום:
דאָס קלייבט זי מסתמא די שטערנדלעך אויף.

איך זע זי כסדר און וויל צו איר ריידן.
פאַר מיר שפּילן מוזיק איז זי גרייט.
ס׳פאַרטראָגט צו מיין שוועל אירע מיידלשע פריידן,
כאָטש דריי טויזנט מייל פון מיר ווייט!

שטוים איך די טעג און וויל איבערשפּאַנען
די מיילן, וואָס שטייען אין וועג,
עס ווינקען און רופן די ריזן־עראָפּלאַנען:
נו קום זשע און פלי צו דיין לינדען אַוועק!

גאָט פון אברהם

ווען די זון נעמט אום שבת אין מערב פאַרגיין,
און די מאַמעביים פענצטער זאָגט „גאָט פון אברהם״;
וואָס שטילער איר קול, אַלץ טיפער איר פּיין,
ווען דער ערשטער שטערן אין הימל צינדט זיך אָן.

צו דער מאַמען זיך טוליען אירע קינדער די צען,
און דאָס קינד וואָס איז נאָך ניט געבאָרן.
אַ טרער אויף איר ברעם איז קיין נייעס ניט געווען,
אין געבעט — גאָט זאָל שענקען די יאָרן.

איך זע היינט נאָך מיין מאַמען, איר איידל געשטאַלט,
איר פרום, פאַרהונגערט לעבן.
און שטענדיק דעם סידור איר דינע האַנט האַלט,
און בעט גאָט, אירע זינד צו פאַרגעבן...

מיין טאַטע

מיין טאַטע געווען ווי באַזונדערע צוויי,
ווי אַ שטראַל וואָלט אין אים זיך צעבראָכן:
אום שבת געווען ליכטיק צעהעלט
און טונקל פאַרגרויט אין דער וואָכן.
די יאָכיקע טעג אויף זיין רוקן
האָבן אין דרייען זיין לעבן געבויגן,
די טריט ווי מיט פענטעס געבונדן
אין אים טויזנטער דאגות געצונדן.

אין אַרבעט-קליידער, די שטיוול אין ליים,
איך געדיינק ער פלעגט ברענגען
זיין אומעט אַהיים;
און ציילן די פאָר גראָשן
אויף די מאָזעליעטע הענט
און מורמלען דערביי אַזאַ אומעטיקן ניגון,
צי וועט ער אויף שבת
אַ פאָר גילדן נאָך קריגן?

פאַרהאָרעוועט שווער
האָט די וואָך זיך געצויגן
און דעם טאַטן פאַרעלטערט
זיינע יונג-בלויע אויגן.
ווען עס קומט ניט דער שבת
כ׳וואָלט קיינמאָל ניט געוווּסט,
אַז דער טאַטע קאָן לאַכן, מיט בחורישן חן,
ווי יונג ווערט זיין פנים און שיין!

ווי אַ נס וואָלט געשען:
ווערט די באָרד אים וואָס רויטער,
וואָס ברייטער צעקעמט
ווערן וואַכיקע דאגות צערונען פאַרפרעמדט,
אויף זיינע אַקסלען צעשפרייט זיך
דער קלאָר־ווייסער טלית
און דער טאַטע צעזינגט זיך
אויפן קול לקראַת כלה.

די יאַרמעלקע שיינט
אויף זיין קלאָר־הויכן שטערן,
עס האָט אים די מלכה פון שבת באַפרייט,
זיינע אויגן מיט בלויקייט פון הימל באַשיינט.
פון זיין גלויביקן פרומען גוט־שבת
האָט געדוכט זיך:
די וועלט ליגט פאַרוויקלט
אין פרייד און אין אחדות.
און מיר איז דער טאָג אַזוי ליב, אַזוי טייער,
זאָל דער שבת זיך ציען אָן סוף און אָן אויפהער.

און די מאַמע אין זויבער־געוואַשענעם קלייד,
מיט פיצעלע קינד אויף די הענט,
דאַנקט גאָט פאַר זיין חסד און גנאָד,
וואָס די וואָך איז מיט מזל אַוועק.
אַזוי ווערט מיין טאַטע געלייטערט געבענטשט,
ווען די שבת־רו גלעט אוים זיין פנים,
מיט רואיקע פינגער ער בלעטערט דעם ספר —
פון דערוואַכן פאַרשווינדן די האַרבע סימנים.

זין מיַינע צווײ

זין מיינע צוויי, מיינע אייגענע גלידער,
איר זייט דאָך שוין טאַטעס אַליין!
צוויי ליכטיק דערוואַקסענע ברידער,
ביי מיר זייט איר גרויס און אויך קליין.

אַ מינוט קאָן אַ מאָל אַן אייביקייט זיין,
און אַ רגע, דער גורל פון לעבן.
גיך איז די שעה פון קינדערשן חן,
און די יאָרן פון צאַרטע געוועבן.

זין מיינע צוויי, איז היינט גרינג מיין געמיט,
וואָס ריין אייער האַרץ איז ווי גאָלד,
וואָס גלייך אייער וועג איז, און דרייסטע די טריט;
אַזוי, מיינע זין, כ׳האָב געוואָלט!

פון זונליכט געשפונענע חלומות פאַר אייך,
נאָר אַ שאָטן מיין וועג האָט געשפּרייט.
דאַנק איך אייך, ליבע, וואָס איר האָט מיך באַלייכט
אָט ווי איר זייט מיך דערפרייט!

געגאַנגען אין ווירוואַר פון כוואַליקע צייטן,
געשטעלט זיך דעם שטורעם אַנטקעגן.
נאָר קיין רגע איך וואָלט איצט פון דאָן ניט פאַרבייטן:
פול איז געווען אונדזער לעבן.

געוועזן זיינען צייטן מיט ביסן מיט קאָרגן,
די הימלען מיט כמאַרעס פאַרצויגן;
בלויז איר זייט געוועזן מיינע ליכטיקע פאַרבן
און די וואַרעמע זון אויף די אויגן.

און איצט אַז פון אייך גייט אויף אַ נייעם דור,
ווי די לויטערע, זוויבערע שטערן,
איז גוט וואָס פון ליכטיקן חלום איז וואָר —
אָ, זאָלן די דורות זיך מערן!

און גיין אויפן וועג פון גרויסן באַגינען
ווו שלום זאָל זינגען און קוועלן,
אין אמת דעם גאָלדענעם אויסוועג געפינען,
זאָל יושר אייער לעבן באַהעלן.

אייניקלעך

אייניקלעך ליבע, איר זייט מיינע שטערן
און די הייסע זון וואָס איך האָב אַזוי געגרן.

איר זענט מיין כוח, מיין מוט און מיין שווונג
מיט אייך וועל איך אַלטערהייט בלייבן נאָך יונג.

איר פירט מיך פאָרויס איר וואָרצלט מיין קיום,
און אפשר פון אייך וועט אַרויס נאָך נביאים!

אין די אוניווערסיטעטן וואָס איך האָב פאַרפעלט,
זאָלט איר דאָרט דערגיין צו אַ ליכטיקער וועלט.

און ליכט זאָלט איר שפרייטן מיט פולינקע מאָסן
צו באַלייכטן פון אומעקכט די טויזנט פאַרוואָסן.

איר זייט מיין חלום וואָס וועבט זיך ניט אויס
די קוואַלן וואָס פליסן און פליסן פאָרויס.

איר זייט דער פלאַקער צו דערגאַנצן די פלאַמען,
וואָס איך האָב געפירט נאָך פון איבער די ימען,

און דאָ זיך געוואָרצלט געטיפט און געשפרייט
און אין אייך מיינע ליבע, מיינע קערנדלעך געזייט.

ניט געווען איז אומזיסט מיין לאַנג־האַרטער וועג,
מיט ליבשאַפט איך טרוי אייך פון וועלט דעם פאַרמעג:

שלום און יושר אין דורות ט׳איר פלאַנצן,
און פלעכטן און שפּרייטן פון פרילינג די קראַנצן.

דריי דורות

א מתנה מיין אייניקל

מזל־טוב צו דיין באַגין,
מיין ליבסטער דריטער דור.
און אַ הייסן גרוס מיין צווייטן דור!
זאָל העל צעבליען דיין יעטוועדער קאַיאָר.
און איך —
דער ערשטער פון די דריי,
וועך היינט געבאָרן
ווי אויף דאָס ניי.

מיט צעשטראַלטע חתן־כלה
ביי מיין זייט,
זיינען אַלע שיינע יאָרן
היינט פון מיר ניט ווייט.
ווען יונגער ליבער פרילינג
זיצט מיט מיר ביים טיש,
ווערן אַלע מיינע נעכטנס
מיט ליבע דאָ דערפרישט.

וווּנדער־שיינע טעג —
מיט אייך געוועזן,
אַפילו ווען די זונשטראַלן
האָבן אונדז חוצפּעדיק פאַרזען.
ווי פּערל אויף אַ גאָלדן שנירל
צי איך אָן די יאָרן,

און בענטש די ליבע טעג
ווען איר זייט מיר געבאָרן.

מיט ליבשאַפט איך באַוואַך
די דורות מיינע דריי,
נאָר אין מיין האַרץ צעברויזט
פון דריי מלחמות, דער בלוטיקער געשריי.
איז אין כוס פון רויטן
פינקלדיקן וויין —
די שרעק, וואָס לעשט
פון פרייד דעם העלן שיין.

איצט האַלט אַ ביקס מיין דריטער דור —
אַלץ טיפער גראָבט מלחמה-וווּנד.
די באָמבע, שוואַרצע פליגל שפּרייט
אויף יעדער היים און מאַמעס קינד.
כ׳שטרעק אוים מיין האַנט
צום לאַנד און ברייטער וועלט,
איך מאָן דאָס מענטשלעך גליק
וואָס קריג מיט וויסטן טויט פאַרשעלט.

אַ יונגע חתן-כלה
פון הי, פון וויעטנאַם —
נעמט צו די פרידן-ברכות,
די פונקען פון מיין העלן פלאַם.
און מיינע ליבסטע דורות דריי!
פון שיינעם חלום שאַפן זאָלט איר וואָר,
דאָס ליכטיק-שענסטע איז דער שלום,
דער גרויסער חוב, צו מיין פערטן דור.

מיין פערטער דור

אַט ערשט באַפרייט פון מאַמעס טראַכט —
אַ שטראַלינקער באַגין,
אייביק־אַלטער נײַער וווּנדער,
קוואַל פון ווייטן נעכטן פליסט
צום היים־צעפּראַלטן היינט. —
הימל־בלוי אין האַרצן שיינט.

אַ שיין־געפורעמט מענטשעלע,
אַ ברעקעלע, אַ מאַניץ,
נאָר זי פאַרנעמט די גאַנצע שטוב
און דעם גרעסטן, שענסטן אויבן אָן.
ווייל זי איז ליבער נאָך ווי ליב,
די קרוין פון פרייד מיר אָנגעטאָן.

ניט זאַט ווערט דאָס אויג,
ניט מיד ווערן הענט,
אַט דאָס נפשל האַלטן —
איז שענסטער חלום פון מיין וואָר:
אַ גליאיקער פונק
פון מיין פערטן דור.

זינג איך דיר, ליבינקע, אַ שיר,
און מיין געוויסן שרייט אין מיר:
קיין שלום־וועלט דיר ניט פאַרגרייט,

קיין בלומען־וועג ניט אויסגעשפרייט.
איז דיין שורש אונדזער טרייסט,
אַ צווייגל פון געזונטן בוים
צעבליט זיך אין אַ בוים אַליין!

און מיין שטאַם באַלייכטן העל און גרין
וועסט אויף נייע גוטע וועגן גיין,
אָ, ליבינקע ראָבין...
ביסט מיין רויט־צעבליטער זוניקער קאַיאָר,
דער ערשטער פרילינג קנאָספּ
פון מיין צעזונטן פערטן דור.

דער מאַי

דער מאַי האָט די ערד היינט געקושט,
געגלעט איר מיט זוניקע הענט
אין רויט גרינעם צווייט אָנגעטאָן
איר אין ליכטיקע פריידן צעבלענדט

מאַי, דער מיטן פון יונגינקן פרילינג
דער סוף פון די פראָסטיקע ווינטן
פון פרייהייט דער ליכטיקער אָנהויב
פאַר אַ זוניקן לעבן צעגרינטן

טייכן פליסן פריי און רוישיק
שוין אַלע שנייען אָפּגעוואַשן
וועלדער כאַפּן אָפּ דעם אָטעם
די זיסע מאַי לופט נאַשן

אויף גערטנער שפּראָצן יונגע קנאָספּן
די גרינע עופּהלעך פון בייטן
האָט מענטש פאַרשאַרט די ארבל
און וויל דעם זומער שפּרייטן

מענטש זיין מורא האָט פאַרלוירן
ווי אייז ווערט אין זונליכט צערונען
דאָס לעבן פריי ווי מאַי-טאָג
הכנעה פון וועלט ווערט אנטרונען

צעטראָגט דער פרילינג פרישע ווינטן
פרישע ריחות יונגע פלאַנצן
וואַקסט דער מענטש אין זיין באַוווסטזיין
אַז פרייד און פרייד מוז וועלט דערגאַנגצן.

דיין שורש

לאנג איז דער וועג, כאָטש קורץ איז די צייט.
איין טאָג קאָן דיך פירן דורות, דורות ווייט.

ווער קען גאָר אויסמעסטן די צייטן
ווו דיין אָנבליק וועט אַ שטראַל טאָן אין די ווייטע ווייטן.

אומענדלעך איז דער שורש פונעם מענטש,
זיין לעבנס־שנור איז מיט אייביקייט געבענטשט.

אַן עכאָ טראָגט פון קלאַנג, געזאַנג,
אָבער פעסטער איז דער טראָט פון צוזאַמענגאַנג.

צייט ווי מילגרוים פול מיט ליכט און שאָטן,
צעזינגט די שווערע מי, ווען דיין שפע איז געראָטן.

ווי ביימער צייטיקע, וואָס ווילן פירות געבן,
וויל דיין העלער טרוים אין לעבן זיך פאַרוועבן.

דיין מינדסטער פונק וויל צינדן ליכט אין מענטשן,
און מענטש נעמט צו דיין גנאָד, דיך מיט ליבע בענטשן.

ניט פאַרשווועך די העלע שעה מיט טונקעלע מינוטן,
כל זמן דאָס ליכט איז דאָ, ניט פאַרטרייב עס מיטן שאָטן.

זכרונות

גוט איז צו טראָגן זכרונות
פון די פולע צעוואַקסענע טעג,
ווען ליבע געבענטשט האָט די שעהען,
און באַהעלט אַ פאַרטונקלטן וועג.

געטרייסט האָבן פרילינג חלומות:
אויב פינצטער, ס׳וועט ליכטיקער זיין.
מיט ליבע די טעג ווערן זוניק
און די נעכט, די לבנה באַשיינט.

גאַנץ אָפט האָט אַ טראָט זיך פאַרטשעפּעט
און שווער איז אויף שטיינער דער פאַל;
גייט נאָך מיר אַ טאָג אַ פאַרטרוימטער
און מאָנט דאָס גליק, וואָס פאַרזאַמט האָט אַמאָל.

אַ פאַרלאָרענער טאָג, ווי אַ רינגל אין קייט,
צעמאָלן אין טראָט פון דער צייט,
שווער אָדער גרינג, דורך נעפּל צי ליכט
פון זכרון, קיין זאַך ניט פאַרגייט.

אַ בוים וואָרצלט נאָך טיפער אין שווערן געוויטער
און העלער צעבליט זיך זיין צווייט.
דער טוכיקער גאַנג פונעם נעכטן
איז דער שווונג פון די היינטיקע טריט.

טראָג איך זכרונות פון פראָסט און פון זון;
כאָטש ווער האָט עס דעמאָלט געוווּסט,
אַז פון די איבערגעלאָדענע נעכטנס
איז דער היינט ניט פאַרבליבן מיר פוסט.

טראָפּן נאָך טראָפּן

פּאַרטונקלטע נעפּלען — די הימלען פּאַרגיסן
און אָפּטמאָל אָן סוף און אָן מאָס.
נאָר ווען טראָפּעלעך ליכט גיבן צו וויסן,
אַז די זון איז היינט ניט אַזוי בלאָס.

איז אַפילו איך צייל זיי נאָר אויף די פינגער,
זאָל זיין בלויז אַ חלום פון פרייד,
דער טראָט ווערט אַ האָרעלע גרינגער
און אַמאָל קען עס גובר זיין לייד.

איך בין ניט געוווינט צו די גאָלדענע טראָפּנס,
וואָס פינקלען נאָך העלער אין ליכט.
ס׳איז זעלטן ווען ווייך מיין צוקאָפּנס,
ווי ס׳איז זעלטן מיין גאַנג אויסגעצירט.

און די טראָפּנס געזאָלצן, צי ביטער,
זיי מאָנען איך זאָל זיי פאַרשטיין,
נאָר ווער וויל עס ווערן דערשיטערט?
און געווים ניט אין יאוש אַריין.

איך בין מיט זיי נאָענט, געקניפּט און געבונדן,
איך רייד צו זיי קלאָרע דיבורים:
זאָל פּיצעלע ליכט — טראָפּן-פרייד צינדן,
אויב אפילו ניט שטילן דעם שטורעם.

צעוויקלען זיך שטראַלן און כמאַרעס אַזוינע,
איינער פון צווייטן פאַרשידן.
טראָפן נאָך טראָפּן, זיי לאַכן, אי וויינען,
און האָפענונג, זיי לעשן און צינדן.

אַ שפּאַציר אויף אַלטע וועגן

אַזויפיל גרינעם באָדן האָט מיין פוס באַטראָטן
און באָדן, וואָס אין זילבער-פראָסט פאַרהילט,
אויף די וועגן, וואָס געוועזן זיינען פאַרבאָטן
האָט מיין עקשנות מיטן טייוול זיך געשפּילט.

און ווו געשפּראָצט האָבן צעזונטע בלומען
און ווו דערזען אַ רויטן זונפאַרגאַנג,
ווי די טייערסטע בריליאַנטן זיי פאַרנומען,
זיי באַלייכטן און פאַרלייכטערן דעם גאַנג.

די יוגנט האָט געיומטובט אינדערוואָכן,
דער אומרו פלינק געטראָגן האָט די לאַסט,
אויף די וועגן האָבן דערנער אָפּט געשטאָכן,
אין צייט געברויז אימפּעטיק גערעשט.

אונטערוועגנס האָבן כמאַרעס זיך געשפּרייט
און די בלוטשטראָמען אין שטורעם זיך געמערט,
פון איבער ימען האָט געברענט אין מיר די לייד,
ווען מענטש-חיה — צעטרעט דעם מענטשן-ווערט.

האָט דאָס לעבן זיך אויף פּיצלעך דאָן צעבראָכן,
ניט געגלויבט: עס וועט נאָך גאַנץ ווערן אַמאָל,
ס'האָט די פינצטערניש די אויגן אויסגעשטאָכן.
מיין פאָלק דאָרטן, געבלוטיקט אין זיין גרויל!

ווען דיין חורבן דו זעסט אין גערדאַנקען,
ווערט דיין טאָג אויסגעביטן אויף נאַכט.
מיינע קרובים — פאַרשניטענע זאַנגען,
ביי שטעכיקע צאַמען אין אנגסטן געשמאַכט.

ווען דער כוח פון לעבן קאָן גובר זיין פּיין,
דאַן שפּאַנסטו אַריבער די צייטן.
פרייד און לייד, דער תמצית פון זיין,
ווי די כוואַליעס וואָס פליסן און בייטן.

האָט דער שטורעם אויף די וועגן מיך געלערנט,
און די תורה פון מיין ויידן כ׳האָב געגאַשט:
דער חוב פון מענטש: רשעות צו פאַרווערן,
אַז פאַרטרונקען ווערט דער האַסער אין זיין האַס.

איצט טראָגן זיך פיל בילדער פאַר די אויגן
און שטיקער נעכטנס טוליען זיך צום היינט,
צייט קאָן פליען ווי אַ פייל פון בויגן,
נאָר ניט מיטרייסן דעם שטילן רוף פון פריינט.

שפּאַציר איך אויף די אַלט-באַקאַנטע וועגן
און באַנייַ זיי: מיטן טראָט פון נייַעם גאַנג,
פיל ליבע אויגן לויכטן מיר אַנטקעגן,
מיט ליבשאַפט איז דער לענגסטער וועג ניט לאַנג.

גרינער האָפּן

נייער פרילינג

דעם נייעם פרילינג היינט באַגעגנט
מיט נייעם האָפן, מיט אַלטע ווּנטשן,
עס בליצן זונשטראַלן אַנטקעגן
און דערוואַרעמן די יונגע ווינטן.

ביימער חלומען פון בליען,
ס׳לעבן שפּראָצט אין וועלט אַרײַן,
אַלץ וואָס לעבט וויל פריי זיך ציען
צום גאָלד פון זון, צו פרייד פון זיין.

די ערד זאָגט צו זיך צו פאַרנעמען
מיט שוואַנגערשאַפט פאַר ברויט און בלומען.
און מענטש הויבט אָן זיין רעכט דערקענען,
זאָגט אָן: אַ פרילינג־וועלט מוז קומען.

קלינגט אָפּ דער טראָט פון ערשטן מאַי,
אין אַלע עקן וועלטן שאַלט:
אַ רוף צום לעבן — פרילינג־פריי,
אַלץ דערוואַכט, אי שטאָט, אי וואַלד!

גרינער האָפן קאָן זון דערלאַנגען,
אַלץ וואָס אַלט, וויל זיך באַנײַען,
נײַער פרילינג, נײַ־געזאַנגען,
באַנײַטע ליכט, זאָל וועלט דערפרייען.

אינדיאַנער זומער

וועלדער פלאַמען רויט ווי פייער,
רויט ווי הייסער זונפאַרגאַנג,
אַלע פלאַנצן גראָז און בלום,
מיט טיפער בענקשאַפט פלאַקערט דער אַרום.

ביימער אויסגעצירט אין גאָלד —
שמייכלען צו די צונטער-רויטע,
ווינקען צו די גרינע בלעטער
און זינגען שירה צו די געטער:

גאָט פון שיינקייט,
גאָט פון פאַרבן,
גאָט פון לעבן
אינעם שטאַרבן.

רויטער בענקשאַפט,
גרינער האָפן,
בלויע טייכן אינדערמיטן
קניען, בענטשן צויבער-בליטן,

אָנגעזאַפטע מיט די זונען
פון דעם זומער הייסן,
וועלדער שיקן ליבע-גרוסן,
וויל דאָס האַרץ מיט וועלט זיך קושן.

שטייט דער זומער אַ פֿאַרבענקטער
אָנגעטאָן אין יום־טוב קליידער,
זינגט דער אָפּשייד העלע סטראָפֿן,
ניטאָ קיין סוף, בלויז ליכט און האָפֿן.

בלום ווי מענטש

די בלום וואָס וואַקסט דאָ ביי מיין טיר,
דער הימל בלויט זיך איבער איר,
דער רעגן אָפט איר פּנים שווענקט
און זי ווי מענטש נאָך ליבע בענקט.

אַ האַנט זאָל צערטלען אירע בליטן,
פון ווילדע גראָזן זי פאַרהיטן.
און ווען דער רעגן קומט צו שפּעט,
צום מענטש איר תּפילה, איר געבעט.

ווי מענטש, ניט שטאַרבן וויל די בלום,
זי רעדט ניט, נאָר זי איז ניט שטום,
ווער ליב האָט שיינקייט, איר דערהערט,
ווער ס׳ליבט דאָס לעבן, ליבט די גרינע ערד.

מיט טראָפּנס וואַסער קומט דער מענטש
און די בלום מיט זיסע ריחות בענטשט.
רעגן קומט ווען רעגן וויל,
בלויז מענטש אַליין האָט מאָס און ציל:

אַ שפּריץ, אַ צערטל, ווו איין ווו אוים,
פון ליבשאַפט וואַקסט די בלום אַרוים.
בלום ווי מענטש נאָך ליבע בענקט,
און מענטש ווי בלום זיין שיינקייט שענקט.

לידער פון נאַטור

פון לידער די שענסטע וואָס וואָרצלט און בליט
איז ליד וואָס נאַטור האָט באַשאַפן,
ווי די צעלויכטענע פונקען אין אייביקן גלי
זיי צינדן אי פריידן אי האָפן.

ס'איז חלום און וואָר, לעבן און טויט,
אין פלאַמיקן בייט פון קאָלירן,
איר שטילקייט, איר רויש אין סודות פאַרהילט,
צו גאָלד-גרינע תפילות מיך פירן.

אומרו און רו אין איר שוים זי פאַרוויגט,
שטרענג און צאַרט איז איר ווילן,
דאָס ווינטל קושט אוים מיר די מידקייט פון לייב
און אין בוים זיינע לידער צעשפילן.

און פאַרווילט זיך דעם ווינטל אַ שטורעם-ווינט זיין
און רייסן פון וואָרצל די ביימער,
צעוויינען זיך וועלדער אין ווי און אין ווינד,
הפקר אָן פריינט, אָן שומר.

בייזער געוויטער צעטרייסלט די ערד,
די הימלען צעברויזן דעם צאָרן,
און מענטש אין זיין גרויסקייט איז שוצלאָז און קליין
ווען ס'יאָמערט אויף פעלדער דער קאָרן!

און פאַרשווינדט דער געוויטער, ניי־געבאָרן די ערד,
זינגט זי אויס אירע אייביקע לידער,
אירע בונטע קאָלירן און זונליכט געבאָדן,
די נאַטור מאָלט מיט גינגאָלד שוין ווידער.

און מענטש זיך צעקושט מיט איר שיינקייט, איר פּראַכט,
דעם שאָדן קאַפּריזנעם פאַרגיטיגט,
אַ שפע פול אוצרות ליגט רחבותדיק ברייט,
ס'האָט נאַטור אירע לידער צעוויקלט.

עס זינגט אינדערהויך, עס זינגט אינדערשטיל,
פאַר יעטוועדן אויער צו הערן,
ווער נאָר דערשפּירט אין גאָטס פאַרבן די פרייד,
אין יענעמס האַרץ טוט די שיינקייט זיך מערן.

דער ים פרעגט

דער ים אַ פאַרוויטלטער האָט היינט מיך געפרעגט:
ווער האָט די העלע פאַרבן אויפן הימל אויסגעוועבט?

בלויע, רויטע שיפּעלעך העט איבער מיין קאָפּ,
אויף מיין גרינעם וואַסער־לייב שפּיגלען זיי אַראָפּ.

אַלע מיינע וועגן אין גינגאָלד שימערירן,
אָ, ווער איז דער ליבער מאָלער, דער רייכסטער אין קאָלירן?

אָט גיט ער מיט דער האַנט זיינע אוצרות אַ צעפּיר,
ווער איך אָפּגעבאָדן אין זילבער־ראָזע קאָליר.

אַמאָל פאַרכאַפּט דאָס האַרץ פון העלן צויבער־גלאַנץ,
די בריליאַנטן זיך צעגיסן אויף מיין רוקן אין אַ טאַנץ.

אָפט פון גרויס פרייד לאַך איך אָדער וויין,
קלינגט אָפּ מיין ריטמיש קול אין וויטער לופט אַריין.

אין פאַרנאַכטן די פאַרבענקטע, ווער איך צונטער־רויט,
ווערט הייס און פיבערדיק מיין דורכזיכטיקע הויט.

און ווען אין מיר זיך זעצט דער רונדער פייער־קנויל,
אַ פאַרגאַפטער ווי אין חלום עפן איך דאָס מויל.

און פרעג און זוך דעם קינסטלער דאָ אַרום,
וואָס פאַרבט די וועלט מיט זיין שיינקייט אומעטום.

אַזוי האָט היינט דער ים פון זיין טיפעניש געפרעגט —
ווער ס'האָט די שיינע קווייטן אויף זיין פנים אויסגעוועבט.

פרילינג־רעגן

פרילינג־רעגן יונגער שטיפער
פאַלט פון הויך און גראַבט זיך טיפער.

טאַנצט אויף גלאַטן רונדן סלופּ,
און גליטשט זיך פלינק פון דאַך אַראָפּ.

אין מיין שויב ער קלאַפּט אַ שרעק,
אַ יעדערן פון שלאָף ער וועקט.

פרילינג־רעגן מיט יונגן ווינטל
פון גאַס פאַריאָגן אַלטן ווינטער.

ווערט גאַס מיט גאָלדשטראַלן באַגאָסן,
די זון קושט אויס דעם רעגן נאַסן.

ווען זון מיט רעגן טוט זיך פּאָרן
ווערט אַ גרעזעלע געבאָרן.

ווערט אַ בלימל רויטער, רונדער,
פרילינג־רעגן טוט זיין וווּנדער.

רוישןביימער, גרינען בלעטער,
דאָס האָדעווען זיי פרוכט אויף שפּעטער.

און פלאַנצן, וואָס נאָך ניט דערוואַקסן
שושקען זיך מיט יונגע קנאָספּן.

טרינקען רעגן, נאַשן זונען,
איינס דעם צווייטן מוז געפינען.

טראָפּנס רעגן זינגען גערן,
און מיט ליבשאַפט וועלט באַשווערן.

דער ים גיט מיר שטורעם און רו

עס הויכט פון דיין אָטעם מיט רחבות פון וועלטן,
פון די כלערליי טייכן וואָס פליסן צו דיר.
זוניקע כוואַליעס און ווינטיקע קעלטן,
דו שימערסט מיט גאָלד, און זילבער־קאַליר.

ריזיקע שיפן טראָגסטו לייכט אויף דיין רוקן:
צו לעבן און פרייד, צו טויט און צו שרעק,
דיינע ליכטיקע אויגן צו די הימלען פאַרקוקן,
דו שווימסט צו די ברייטע האָריזאָנטן אַוועק.

נאָר מיין אויג קאָן דיר זען ביזן ראַנד פונעם הימל,
וווּ ביידע ווי איינס איר גיסט זיך צענויף;
ווייט פון צעכוואַליעטן מענטשלעכן טומל,
ווייט פונעם ברען פון מאַשינען געלויף.

און רייסטו דעם ברעג און וועקסט פונעם דרימל
די זאַמדן, אין זונען באַוויגטע,
אָט שוימסטו מיט צאָרן, אָט בלויסטו ווי הימל,
אָט שיקסטו מיר כוואַליעס צעגרינטע.

און מענטשן דערהיצטע פון אימפעט און רעש —
אין דיין שטורעמען געפינען מיר רו;
מען יאָגט צו דיין שוים פון זודיקער גאַס,
דיין אָטעם מיט פרייד נעמט מען צו.

מיר קילסטו מיין גוף, מיין נשמה דערוואַרעמסט,
דו לערנסט מיך שטאַרק זיין ווי דו.
דיין פּולס אין מיר רוישט ווען דו ליאַרעמסט,
דו גיסט מיר אי שטורעם, אי רו.

זאָל מענטש דאָ פרייד געפינען

זילבער־טייך, גרינע ערד,
די בלויע רו פון אויבן.
די שטילקייט נחת־רוח שפּרייט,
עס איז ממש ניט צו גלויבן.

אַז די שטאָט מיט אירע רויכן־קנוילן,
הייסע כוואַליעס רוישיק שטראָמען,
אַ לויפנדיקער מענטשן־וואַלד
מיט לייד און פרייד און טרוימען.

און דאָ ביים טייך, אַ צויבער־וועלט
פליסטערט: רו איז לעבן.
נאָר אין מיין האַרצן, ס׳רופט און מאָגט:
זאָל וואַלד און טייך מיט שטאָט פאַרוועבן!

ליגט די שטאָט פאַרהילט אין שטויב,
פאַרבענקט נאָך נחת גרינעם,
די שטיינער קרעכצן אונטער פוס
פון מענטש, וואָס זוכט זיין ברויט פאַרדינען.

זינגט מיר מאַמעדיק דער טייך
און צערטלט מיך אין שווימען.
זאָגט אָן מיט פרישן וואַסער־קלאַנג:
זאָל מענטש דאָ קומען, פרייד געפינען.

בייסיקע פליגן...

וואָס בייזערט איר זיך היינט אַזוי
מאָסקיטעלעך און פליגן?
פאַר יעדן בים וואָס איר דערלאַנגט
איר שטעלט דאָך איין אייער אייגן לעבן.

נאָר איר נישטערט,נאָר איר זוכט,
אַ נאַש, אַ לעק, אַ זיסן טראָפּן.
איר זינגט אין אויער מיר אַריין
און ווילט דערביי דאָס בלוט מיר צאַפּן.

מיינט ניט איך בין הפקר דאָ,
כ׳וועל אייך גאָר ניט שוינען,
ניט בלויז מיט פליגן מיין פאַרמעסט,
נאָר מיט בלוט-זויגער פאַרשווינען.

איר קאָנט די וועלט מיר ניט פאַרשטערן,
און ניט די פרייד פון גרינע וועלדער,
ווייל קעגן אַלץ, וואָס יאָגט און בייסט
בין איך אַ מוטיק-גרייטער זעלנער.

אין קאַמף מיט גבורה און מיט ציטער,
פיל געוווּנען, פיל באַרלוירן,
דער סאַמע עיקר איז דער ענטפער
אין געפרווּוטע, געוואַגטע יאָרן.

דער וואַלד לאַכט

ווי דער פאַרגעסענער נעכטן
ליגט אַ וועג דאָ פאַרחלומט אַליין,
ניט קיין פורן, טראַמווייען,
ניט קיין מענטש זעט מען גיין.

סודותדיק שושקען זיך וועלדלעך,
טונקל־גרין — איינגעטוליעט, געדיכט,
באַקרוינט מיטן העל־בלויען הימל
און באַשפּרינקלט מיט גאָלדענעם ליכט.

די שטאָלצע פאַרברידערטעביימער
פאַרטרויען זיך איינער דעם צווייטן,
דערזעען אַ מענטש אויפן וועג,
וועמען אַ שאָטן פון עלנט באַגלייטן.

שאָרכן די ביימער מיט מיטלייד
און קוקן זיך איבער מיט ליבע:
אַ קיינער פון אונדז קיין אַליינער
און קיינער קיין עלנטער, טריבער.

אויך אַ פליג טאַנצט אים נאָך אויף זיין וועג,
מיט איר גרילציקן, אייגן געזאַנג,
ווי זי וואָלט אים אַ פריינט גאָר געווען
און וויל פריילעכער מאַכן זיין גאַנג.

זי זינגט אים אין אויער
און פאַרלויפט אים זיין טראָט,
ווי אינגאַנצן פאַרגעסן
איר בייסיקן געבאָט.

האָט דער וואַלד זיך
אין גרינעם געלעכטער געוויגט:
זע, זע, די בייזע צערודערטע פליג
וויל דווקא דעם עלנטן מענטשן
ניט בייסן, און ניט פירן קיין קריג.

פליענדיק

ווי מיט פליגל אויף די אַקסל
פלי איך דורך די וואָלקנס
און שלינג די ווייטע מיילן
אין בלויען רוים וואָס העכער
די ערד ליגט אַ פאַרמעקטע,
די שטעט און אַלע דעכער.

שווימען אויף זכרונות
פון אַלטע, ווייטע צייטן,
פון פערדל און פון וואָגן
אויף די האָרבאַטע וועגן,
דורך בייסיק־שאַרפע ווינטן,
זיגזאַג גייט און פאַלט דער רעגן.

אַט ווערט אַ ראָד פאַרזונקען
און דער כעס גייט אוים צום פערדל,
ער באָדט זיך אין דער בלאָטע,
ביז דער טאַטע שטופט אַן אַקסל
מיט זיין ווינטיקער קאַפּאָטע.

און היינט איך זע דעם גרויסן,
דעם ריזיקן מהלך,
אַט זיץ איך מיר געמיטלעך
און שוועב צו אַלע הייכן,
ווי ווינט אין לופט, אין פרייער,
דורך ווייסע הימל־רויכן.

ניטאָ קיין אויבן, קיין אַרונטער,
די וועלט איז לויטער הימל,
ווו איז דער אָנהייב, ווו דער סוף
בלויז ווייסע, בלויע לאַמען,
און ראָזעווו־יונגע שאַף,
אַט ערשט דערוואַכטע פונעם שלאָף.

ס׳פלאַמען רויטע, בלויע שנורן
אויף ווייסן ים פון וואָלקנס,
מיט גאָלדיק־גרינע פאַרבן,
אַן אָנזאָג פאַר אַ מאָרגן —
מיטן צוזאָג, אַז פיל שיינקייט
ליגט פון מענטש נאָך אַלץ פאַרבאָרגן.

מענטש אויף דער לבנה

איך וועל דיך אַרויפזועצן
אויף דער לבנה,
האָט מיין זיידע מיט ליבשאַפט
געזאָגט צו דער באָבען.

אי זיידע, אי טאַטע
מיט פרומען, פייכטן בליק
צו די הייליקע ספערן געקוקט,
פון וואַנען ס׳דאַרף קומען פרנסה און גליק.

מקדש געווען די לבנה
מיט צאַרטן תפילה־געזאַנג,
און זי מיט קלוגן שמייכל,
גייט זיך געלאַסן איר הימלישן גאַנג.

איך, מיין געליבטן דערזע אין איר פנים,
זי איז פאַר אַלע פאַרליבטע דער הייליקער עדות.
אין איר זילבער־לויטערן שיין
וועב איך אוים מיינע זיסע חלומות.

ליבע און בענקשאַפט, לייד און פרייד,
מיט לבנהדיק ליכט זיך געטיילט,
נאָר קיינמאָל ניט געחלומט צו זען ווי דער מענטש
אויף איר אויבערפלאַך שפּאַנט און פאַרווײלט.

היינט קוק איך פאַרגאַפּט
אויף איר באַרגיק־שטויביקן גוף,
ווו מענטש האָט געבראַכט איר זיין טרוים,
זיין באַפליגלטן מוח־באַרוף.

איז ווער וועמען וועט לערנען?
ווער וועמען די סודות פאַרטרויען?
ווער עלטער, ווער יינגער, ווער רייך איז מיט אוצרות?
מענטש, כאָטש דער יינגסטער, רייך איז מיט טרוימען.

איז ער אפשר געקומען איר לערנען, איר זאָגן;
מיט איר ליכטיקן פנים, דעם מענטש ניט פאַרפירן,
ער טרעט אויף איר גוף ווי אויף פשוטן באָדן,
זי קען חלילה איר הייליקן אָנזען פאַרלירן...

די וואָלקנס יאָגן אויף צוריק

ווינטן, רווישיקע טייוואָלים,
רייסן, דרייען הין און הער.
זיי וואַיען שטאַרקער אינדער־פינצטער,
עס דוכט, איך הער אין קול אַ טרער.

זיי וויינען אינעם בוים ביים פענצטער
סודותדיק און בייז!
איך זוך אין הימל אַן איינציקן שטערן,
נאָר די וואָלקנס יאָגן איינס נאָך איינס.

אַזאַ נאַכט מיט ווינט צעהוליעט,
אָט ווי דער אומרו אין מיין ברוסט,
אַ זאָל דער הימל זיך שוין העלן,
חושך איז אַ גרוים פאַרלוסט!

ווענד איך אָפּ מיין בליק פון דרויסן
און זוך אַ שטראַל אין זיך אַליין.
צעלויכטן אייגעלעך, ווי שטערן,
און פנימלעך — די זון אַליין.

די לאָקן גאָלדענע אויף קעפּלעך,
זיי זאָגן צו אַ וועלט מיט גליק.
אין האַרצן ווערט מיר זוניק העלער,
די וואָלקנס יאָגן אויף צוריק.

אַ הענטל אין מיין האַנט אַן אוצר,
ס'דערמאָנט דאָס צויבער-וואָרט זיך „מאַמע",
צעגייען וואָלקנס ווי די רויכן
און דער טאָג גייט אויף אין רויטע פלאַמען.

דער ווינט

דער ווינט זיך צעוויינט אויף מיין טונקעלער שויב
מיט טרערן ווי נאַכט אַזוי שוואַרץ.
די ווענט ניט דערלאָזן אין שטוב אים אריין,
געפינט ער אַ וועג צו מיין האַרץ.

קען זיין אַז ער וויינט דאָס געוויין פון אַ קינד,
וואָס ווייסט שוין די ליידן פון גרויסע?
און אפשר צעשרייט זיך אַ האַרץ אינעם ווינט,
וואָס וואָגלט אין עלנטן דרויסן?

אַזאַ מאָנענדיק־קול פונעם נעכטן און היינט,
וואָס וויל ניט פאַרשווייגן דער וועלט,
ער פייפט אויס די קרעכצן פון יאָכיקע טעג
און דעם ווייטיק פון מענטש ער פאַרשעלט!

און ווען בליציקער דונער שניידט דורך די נאַכט,
צעטאַנצט זיך דער ווינט־קאַראַהאָד,
ער פלעסקעט די הענט, זינגט צו צום טאַקט
און אַ פייקל ער מאַכט פון מיין לאָד.

איך וויל זיך פאַרוויגן אין רואיקן שלאָף,
מיטן ווינט זאָל פאַרשווינדן די נאַכט,
נאָר אַן אומעטיקער ניגון הייבט ווידער אָן וועקן
ווי ער וואָלט פון מיר חוזק געמאַכט.

פאַרשעמט ווערט דער שלאָף, די נאַכטיקע רו,
די אומרו אין האַרצן דערוואַכט.
האָט דער ווינט זיך צעקייכט אויף מיין טונקעלער שויב
און אויף שטיקער צעריסן די נאַכט.

האַרבסטיק

ביי מיין פענצטער דער בוים
ווערט הוילער פון טאָג,
און אַלץ גרויער
דער שטאַם און די צווייגן,
ס׳גיבן שנעל זיך די בלעטלעך
די לעצטע אַ יאָג —
מיר דוכט זיך,
זיי ריידן אין שווייגן.

זיי טאַנצן אין לופטן,
זיי שפּילן אין שטאַרבן
דער ווינט אַ דערפרייטער
פייפט ביי מיין טיר.
יעדן טאָג ווערן בונטער
די גאָלד־רויטע פאַרבן,
מיט פייכט־האַרבסטיקער לופט
אין באַריר.

גיבן ווינטיקע טענער
צעפלאַמטע אַ פיר
איבער טונקעלע
נאַס־גרויע וועגן:
ווערט דער טאָג אַזאַ נאָענטער
און אייגענער מיר,
מיר טוישן זיך
מיט אונדזער פאַרמעגן:

איך נעם צו זיינע פאַרבן,
די פאַרחלומטע שטראַלן,
דעם הימל,
וואָס בלויט נאָכן רעגן;
און גיב אים מיין טראָט,
מיין אויג וועלכעס זוכט
דעם פרילינג
אויף האַרבסטיקע וועגן.

פֿאַרמעסט

ניטאָ נאָך דאָס וואָרט

אויב דו קענסט דעם אמת זיך פֿאַרגינען,
זוך אים בלויז אין האַרץ ביי זיך אַליין.
אויפֿן צונג וועסטו אים זעלטן ווען געפינען,
פון האַרץ ביז מויל ווערט דער גרעסטער אמת אַליין.

דער אמת טליעט טיף אין האַרצן
און וויל מיט ווערטער זיך באַקליידן.
זאָל וואָרט אין מענטשנס אויער זיך דערגאַנצן,
און פון אינגעווייד אַרויסריידן די ליידן.

וואָרט — אַ שליח צו פֿאַרבינדן
אַלץ וואָס לעבט אין דיין געביין
עכטע ברודער־פֿריינטשאַפט צינדן,
און איינשטילן אַ שטיל געוויין.

איז גרויס דער מהלך פון האַרץ ביזן מויל,
ווי פון טיפֿן קוואַל צום שפּיץ פון באַרג.
ס׳פּליסט פון קוואַל, ווי איבער ברעג פון קרוג,
נאָר דאָס וואָרט איז שטענדיק בעטלעריש און קאַרג.

אפשר איז דאָס וואָרט נאָך ניט געבאָרן
דאָס סאַמע טיפֿסטע אויסצודריקן,
און קיין אויער נאָך ניט רייף געוואָרן,
און קיין אויג אין האַרץ אַריינצובליקן.

ליגט דער אמת גליאיק-היים,
אַ ליכטיקער שטראַל, צי אַן אָנגעהייצטער שטיין ?
ער זוכט אין וואָרט אַן ענטפער, צי אַ טרייסט,
נאָר דאָס העכסטע וואָרט איז פאַר אים צו קליין.

דעם עכטן יום־טוב זוך

נאָך עכטן יום־טוב ליגט פאַרבענקט
דער טריבער גרויער הײנט.
און װען דער יום־טוב שטײט בײם שװעל
מיט שמײכל פון אַ פאַלשן פרײנט —
ער װײסט: ער ברענגט קײן יום־טוב הײנט.

ער פוצט זיך אױס אין נײעם קלײד
פאַרשטעלט פון אױג אי פּײן, אי לײד,
מיט שװערן טראָט, װי אַלע טעג,
קרום די װעגן, קרום זײן גאַנג,
פול מיט הױלן, פוסטן קלאַנג.

סליאַדן בלױז נאָך זײנע טריט,
פון דורות לאַנג ער שלעפּט זײ מיט.
נײע פעדים, אַלטער פּלאָנטער,
נאָך שאַרפער, בײסיקער די צײן,
װוּ מענטש דערקענט ניט זיך אַלײן.

בענקט דאָס האַרץ נאָך טראָפּן פרײד,
און זוכט די שעה װאָס יום־טוב שפּרײט.
די שעה דעם עכטן מענטשן זוכט,
זאָל צינדן העל די פרידן־פאָן,
אין פרילינג־ליכט די װעלט אָנטאָן.

געוועזן אַ מאָל אַ מענטש אַזאַ,
וואָס האָט דעם הימל העל געפאַרבט,
רופֿ אים משה, לענין, מאַרקס.
איז אויב געוועזן — קען ווידער זיין,
אין זוכן ליגט דיין טראָפֿן שיין.

שלום מאַרש

כ׳האָב פיינט דעם טריבן טרויער,
נאָר ווער קען היינט פריידיק זיין?
ווען דער טויט אין לופטן לויערט
און שלינגט דאָס לעבן איין!

ווילד שרייען און ברענען מלחמות,
און אַ טויט-מידע ליגט היינט די צייט,
מענטש איז אַליין מלאך המות
און אַליין צו זיין קבורה ער גייט.

די טרער אין הארצן פיבערט
ביים אַנבליק פון אַ קינד,
וואָס בלוטיקט צעריסן אין גריבער,
וואָס שטאַרבט אין וויי און ווינד.

און אַ מאַמע פון קוילן צעשאָסן,
דריי קינדער צעשפּרייט ביי איר זייט.
אָ גאָט! האָסט דיין הימל פאַרשלאָסן!
איז דיין אויג אַזוי בלינד, אַזוי וויַיט.

האָסט דיין פּנים אויך פון מיין פאָלק באַהאַלטן,
ווען היטלער געברענט האָט מיין שטאַם...
דאָס אומרעכט, דעם הימל קען שפּאַלטן!
די וועלט איז פון טרויער אַ ים.

זאָל דאָס אומרעכט ניט ווערן פאַרגעסן!
און ווי קען מען פאַרזען עס, פאַרגעבן,
אַז בלוטיקע טייכן נאָך פליסן
און די פעדים פון טרויער זיך וועבן.

מאַרשירן מיר היינט קעגן טרויער
און נישטערן רויט העלן פלאם
צו באַהאַלטן די וואָלקנס די גרויע,
אַז שלום זאָל אויפגיין אין וויעטנאַם.

לויב איך און בענטש יעדן איינעם,
ווער פאַר פרידן אַ קערנדל זייט.
מאַרשירן, מאַרשירן אינאיינעם!
אַז דאָס לעבן, זאָל לעבן אין פרייד.

דאָ בין איך איבערגעבאָרן

(אין די פופציקער יאָרן)

האָסט איינגעזאַפּט אַמעריקע אַ יוגנט,
ווי די ערד זאַפּט איין שטראַלן פון זון.
ווי טייכן צו ימים זיך ציען,
האָבן מענטשן־כוואַליעס, געשטראָמט צו דיין רום.

קולטור־באַגאַזשן — פיל אוצרות געבראַכט,
געפּעק פול מיט יונגע חלומות געפירט.
פון דאָרט ווו געהערשט האָט דער שאָטן,
פון דאָרטן געבראַכט דיר דאָס אייגענע ליכט.

צווישן שטעכיקע דערנער — רויזן געוואַקסן:
קינדער צעזונטע, צעבליטע ווי בלומען,
האָבן טאַטעס פאַרמשכנט די קישנס,
האָבן מאַמעס דעם ווייטיק און טרערן פאַרנומען.

און געשיקט אונדז מיט ליבע און ברכות,
מיט בענקשאַפט און האָפן, מיט אַלץ וואָס מיר האָבן.
פון שטורעם געשטאַרקט און געליוטערט,
און צום גאָלדענעם לאַנד זיך דערטראָגן.

איז דאָ בין איך איבערגעבאָרן
אין דיין פיל־שפּראַכיקן לעבן דיין פולן.
דו האָסט מיין יונגע פראַצע פאַרנומען,
און איך —— דיינע פרייע, ליכטיקע שולן.

נאָר די אָפענע שולן, די זוניקע וועגן,
ווי אַ וואַנט האָט דיין, „סוועט-שאָפּ" פאַרשטעלט:
ווער איך אַ שרייפל אין געבוי פון אַ יוניאָן,
און דיין לעבן געשענערט, געבויט און געהעלט.

זיך פאַרקניפּט מיט דיין וווּקס מיט דיין גרינעם פאַרזיי,
און געוואַקסן מיט דיר, ווי אַ גלייכע...
זיך טיף אין דיין לעבן געוואָרצלט —
מיר האָבן איינער דעם צווייטן באַרייכערט.

גליק ליגט אין שטראַליקן געבן און נעמען,
אין שפּע געשטאַרקט ווערן הענט.
מיין יונגבלוטיקע בענקשאַפט געבונדן מיט ליבע,
צו דיר, און צו מיינע אייגענע פיר ווענט.

און אַט ווערט דיין הימל פאַרטונקלט, פאַרגרויט,
דיין פרייהייט-פאָן אונטער פּוס דו צעטרעטסט,
דיינע אייגענע קינדער, פרעמדע רופסטו אָן,
דיינע ליכטיקע שעפער הינטער קראַטעם פאַרזעצט.

מיך ווילסטו פאַרטרייבן, פאַרשטויסן פון זיך,
בין איך דאָך פון כלערליי שטורעמס אַרויס!
דיין פאָן וועל איך הייבן און העכער נאָך האַלטן,
נאָר מיט דיין אומרעכט פאַרמעסט איך זיך מוטיק און גרויס!

מאַמעס ליכט

די מאַמע האָט זיך היינט צעזונגען
ניט בלויז „איי-לו-לו",
נאָר מיט נייעם וווּנדער-ניגון
היט זי אָפּ די רו...

ניט בלויז ביים וויגל אינעם צימער,
הערט זיך איר געזאַנג.
איבער ימען, שטעט און לענדער
קלינגט איר ליד, איר שלום-גאַנג.

אַן עכאָ טראָגט פון וויטן קאָנגאָ,
פון היים-צעברויזטן וויעטנאַם,
און צינדט דאָס האַרץ אין אונדזער דרום,
צעהעלט אין לאַנד אַ פרייהייט-פלאַם.

מאַמע שוואַרצע, ווייסע, ברוינע,
זי רייניקט אָפּ די ברודנע וועלט,
טיף די ליבשאַפט, טיף דער ווייטיק,
וואָס אין איר האַרצן קוועלט!

ס'וויל די מאַמע מער ניט וויינען,
איר טרער מיט פרילינג-ווינטל ווייט,
אין אַלע שטעט, אין אַלע לענדער,
איר טראָט פאַרעקשנטער דערפרייט.

יונגע מאַמע צינדט דעם פרידן
און טראָגט דאָס ליכט דורך שטורעם-ווינט.
ניט אָפּנאַרן זאָל איר דער מאָרגן
איר שלום-צוזאָג צו איר קינד.

דערהערט די וועלט איר טראָט דעם דרייסטן
פון איר האַרץ דאָס תפילה-וואָרט,
אָ, אַלץ, מיר וועלן איבערקומען...
דער מאַמעס ליכט מיט פרייהייט פאָרט.

טרעבלינקע

היינט באַטרעט איך דעם באָדן
פון גרויל און פון בלוט,
און גלויב קוים מיין בליק
און מיין טראָט,
אַז דאָ האָבן מענטשן...
מענטשן געברענט!
און מיטן אומריינעם אויג
ניט קיין פינטל געטאָן.
און פאַרוועריטמטע הערצער

מיט יידיש בלוט זיך גענערט.
איך שטיי אונטער הימל
און זע ניט דאָס ליכט,
ס'איז אַלץ אַזוי פינצטער און שווער,
ווי אין אַ ווילד־פרעמדער וועלט
כ'וואָלט געווען.
אָן מענטשלעכן טרוים,
אָן מענטשלעך געבאָט,
פאַרוואָרלאָזט, פאַרשאָלטן
פון מענטש און פון גאָט!

עס רינגלען אַרום מיר
די ביינערנע פינגער,
זיי טייטלען מיט גאַל מיר אין פנים!
און סקעלעטן זיך דרייען
און כליפּן און קייכן,

אַזש אין הימל דערגרייכט זייער מאַנען:
פאַר די קינדערלעך ליבע,
פאַר די גרייז-גרויע זקנים,
פאַר די בערג אין די גריבער
מיט שרייענדיקע ביינער!

און די שטיינער,
די עדות די שטומע,
יעדער שטיין טראָגט דעם נאָמען
פון זיין פאַרשניטענער שטאָט,
און פאַרקריצטע מיט בלוט:
וויפל יידישע לעבנס
האָבן מענטשן-חיות פאַרצוקט!
וויפל ברויזיקע בלוטיקע שטראָמען,
וויפל טרויער און ווייטיק און יאָמער!

עס ווייגט מיין געוויסן,
מיין מוח, מיין האַרץ:
איך האָב דאָך געלעבט,
געגעסן, געשלאָפן, פון ליבע געטרוימט.
איצט רוישט אין מיין בלוט
זייער פיין, זייער ברען,

ווי איך וואָלט דאָ אַליין
אינעם קאַלך-אויוון געווען!

אַלץ אין מיר מאָנט,
אַלץ אין מיר שרייט!
די זעקס מיליאָן פאַרשרפהטע יידן...
מיט בלוט פון מיין האַרצן
דעם ציפער פאַרשריבן.
איך קני פאַר אייך, הייליקע קדושים.
אויף דעם „יאָמער־טאָל”־באָדן,
ברען איך אוים מיין שבועה:
„קיינמאָל ניט פאַרגעסן, קיינמאָל ניט פאַרגעבן”
און קיינמאָל ניט דערלאָזן
אַזאַ ווילדע קללה אין מענטשלעכן לעבן.

אַ יוגנט פאַרשטילט

(געווידמעט דעם בית־עולם פון גיבורים אין ישראל)

אַ יוגנט אָן רעש, אַ יוגנט אָן אָטעם,
ווי צעריסענע בלומען אין שטיינערנעם שאָטן.
אַ פעלד מיט מצבות, מיט די נאָענטסטע נעמען
אין שטיין איינגעקריצטע, ווי אין הארצן פון מאַמען.

קינדער פון היימען מיט גאָלדענע טרוימען
אין אָפּגרונט געשליידערט, אין בלוטיקן שטורעם.
יונג־בליענדע יאָרן סיי צוואַנציק, סיי אַכצן,
אַ פאַרשניטענע יוגנט, די ווונדן פון האַרצן.

אויף די שטיינער ווי פונקען עס גליען די נעמען
פאַר יידישן לאַנד די צעצונדענע פאָנען.
העננגט פון נר־תמיד — פון יוגנט דער שמייכל,
די ניט אויסגעלעבטע פריידן, אַ בלוטיקער צייכן.

אַ פעלד פול מיט יוגנט אָן שטיף און אָן קלאַנג,
אַ יוגנט פאַרשטילט אין ברען פון איר גאַנג.
פאַרן לעבן פון פאָלק אייער לעבן געגעבן,
אייער הייליקער ווען אין די דורות זיך וועבן.

פון די ליכטיקע לעבנס אַ לאַנד איז געבאָרן?
צעבליען זיך פעלדער מיט גאָלדענעם קאָרן,
די ערד וואָס פאַרטריקנט געווען איז דורות,
כאַפּט אָפּ איצט איר אָטעם און רייפט אירע פירות.

אַ פֿאָלק אַ געפּרוּווטער אין פֿייער געשמידט,
דעם ווילן געדעכטן אין דורות פֿאַרבריט.
דורך טויזנטער יאָרן געפֿעדערט די טרוימען,
מיטן טראָט אויפֿן באָדן, מיטן בליק צו די רוימען.

דער שלום ווינט

א (נאָך דער זעקס־טאָגיקער מלחמה)

כ׳הער ווײ־געשרייען פונעם קריג
און טרויער־קולות אַפילו פונעם זיג.
דער זיג ביז האַלדז אין בלוט פאַרטרונקען,
און וואָלקנס הענגען טונקל שווער,
אין גריבער טליען נאָך די פולווער־פונקען
און ווידער שאַרפט זיך די שווערד!

היינט ציילט מען די טויטע
און מען צערטלט די וואונדן,
די צעריסענע פעדעם פון לעבן.
און אַז ביים שונא גרעסער איז די צאָל...
אַז דאָרטן וויינען מערער מאַמעס אויפן קול!
קאָן עס דען מיר פריידן געבן?

אַ מענטש! דו פליסט אין ווייטע הויכע רוימען,
לבנה קענסטו גרייכן!
אַלע חכמות, סודות, קענסטו וויסן פון דער ערד,
דיין מוח, שאַרפער נאָך פון שפיז,
דיין אויער מינדסטן קלאַנג דערהערט
און דיין האַנט די צויבער קונסט באַהערשט.

איז די ערד מיט גרין און גאָלד באַדעקט,
און אוצרות, אוצרות אָן אַ שיעור
קען מענטש פאַר מענטש אַנטפּלעקן,

נאָר טויט און קריג אין וועלט געוועלטיקט,
און מענטש ווי קויטיק אָפּפאַל ליגט
צעשאָסן אויף חרובע וועגן!

שרייט דאָס בלוט פון פעלקער, ראַסן,
און די צדדים, ווי די קוילן ברענען!
ליבשאַפט טרינקט זיך אין ים פון האַסן
מיין פאָלק, ווי פלאַנץ, וואָס נויגט צו זון
און וואָרצלט טיף אין לעבן.
דער שלום וויינט ביי אַלע שוועלן,
ווו איז דאָס ליכט פון ריינעם ווילן,
אַז פרידן זאָל די וועלט באַהעלן.

דיין פּאַרמעסט

צו דער מאָרגן פרייהייט

דיין וואָרט אַ מעכטיקער פּאַרמעסט
קעגן שונא פון מיין פאָלק,
און פונעם עצם מענטש.
לויב איך דיר און בענטש,
צו דיינע דריי און פופציק יאָר
דער פעסטער זייל פון אַ בראַוון דור.

דער שונא האָט זיך ליגנעריש און פּראָסט
אין שימל אויסגעשמירט,
פון אַלטערטום צעבלאָזט
דעם אַלט-נייעם האָס
צום ייד, צום מענטש,
איז עס בענקשאַפט נאָכן אַש?

צעטראָגט דיין העל-צעלויכטן וואָרט —
וואָס פאַרטיליקט שאָטן פינצטערן.
ווער אַנטקעגן ליכט זיך שטעלט,
ווער פון מענטש פאַרשטעלן וויל די זון,
צאַמט אָפּ פון זיך דעם מינדסטן שיין
און ווערט פאַרשפּיגן אומעטום!

פון דורות לאַנג די שונאים ווילן
זון און שטערן אויסלעשן...
דאָס ליכט די אויגן בלענדט זיי אויס,

און אַ בים אַ גיפּטיקן דעם ייד,
איז שטענדיק דאָ אַ קלאַפּער־שלאַנג
אַן אַלטער, צי אַ נייער אַנטיסעמיט.
איז מיר טייער דיין פאַרמעסט,
אַ נר־תמיד איז: וואָרט פון אמת.
ניט גרינג פון אומרעכט מאַכן רעכט,
און אָפּהיטן פון מענטש דעם עצם־שיינעם ווערט.

געפאַר איז גרויס

וועגן דער כוואַליע פון פאַרברעכנס

דער טאָג היינט אַזאַ ליכטיקער,
די גאַס מיט בלימעלעך געצירט.
די זון — אַ ליבע מאַמע —
מיט ליבשאַפט לאַסטשעט מיך.
זי פרייט זיך אויף מיין וועג
מיט זוניקן באַגער,
בשותפות מיטן ווינטעלע
זיי צערטלען מיינע האָר.
דער הימל הענגט אַ לויטערער,
ווי ער וויל די וועלט באַהעלן.
די שטילקייט אין די גאַסן
מיט רואיקייט צעשמייכלט,
ניט גלויבלעך אַז דאָ ליגט אַ שלאַנג,
מיט סם און האַס, צו טויטן...

אָט, ווי פון יעגערס האַנט
אַ פויגל פאַלט צום באָדן,
אַ ניט־דערקווילעטע איך שריי!
מיט ווילדן שרעק און צאָרן!
... אַ ייִנגל, ווי אַ וויכער פלינק,
מיט בליציק־שנעלן ריס און כאַפּ,
פלעם און שטופּ און ווילדן שטויס,
עס שרייט דאָס בלוט
אין שטילער גאַס!

פנימער, דערשראָקן, בלייך,
טויט־געפאַר — ריזיק גרוים!
עס טרייסלט אויף
די שטילע לופט
אין פרימאָרגן־בלוי.
די זון זיך נויגט
אין שפריץ פון בלוט.

אין עכאָ פון מיין ווילד געשריי,
קלינגט אָפּ דעם יאָמער פון פאַרברעך,
דער ציטער פון די נעכט און טעג
וואָס הפקר־יונגען
פראַנק און פריי —
צינדן וויסטן, טויטן־שרעק.

און מיין לאַנד:
די רייכסטע, שיינע,
קאָן קיין אויסוועג ניט געפינען...
ברענט די מכה טיפער, ברייטער:
אַרבעטסלאָזיקייט פאַרגרווילטער
צווילינגט זיך מיט יקרות צאָרן,
מענטש פאַרטויבטע פון די פּילן,
ווערט פאַרזונקען אין פאַרברעכן,
און אַלץ צום טיפן אָפּגרונט שפּאַנט,
אַלץ אינאיינעם, האַנט אין האַנט,
די בלוטיקע שונאים
פון דעם ביטערן היינט.

די חלומות

מיט לייכטן טראָט, אויך טראָט אין צוימען —
געמערט האָבן זיך מיינע טרוימען:
טרוים פון וואַקסנדיקן זיין,
און טרוים פון וועלט-צעהעלטן שיין.

ווען פון חלום ווערט געבאָרן וואָר,
אין בלוט און מי, וואָס ווייסט קיין שפּאָר,
גיט דאָס האַרץ מיט פרייד זיך אַ צעהעל —
דאָס אויסגעבענקטע גליק וואַרט שוין ביי מיין שוועל.

אָט ווערט דער טראָט באַפרייט פון צוים,
עס ברענט דער שפּאַן צום העלן רוים.
דער חלום בליט מיט פאַרבן רויט,
אַז פרייהייט בענטשן וועט דאָס ברויט.

מיט טיפן גלויבן לייכטער איז אין שפּאַן,
נאָר אין גלויבן בלינדקייט איז פאַראַן.
און ווען דאָס אויג דורך שווערן נעפּל זעט,
אָון אויער הערט וואָס שקר רעדט.

וויינט דער חלום, וויינט דער גלויבן:
ווו איז דער העלער טרוים פאַרפלויגן?
ווו איז דער ציטער פון יענעם פרומען האָפן,
אַז פרייהייט זיין וועט ווי הימל אָפן.

אַז די צוימען, וואָס מיט בלוט און מי צעבראָכן,
זאָל נייער צוים — חלילה ניט פאַרשוועכן!
איז ווען די שעה ווערט שווער פון אָפּגעגנאַרטן גלויבן,
זוך דאָס ליכט, וואָס דיין אייגן האַרץ קאָן געבן.

וואָס מויל קאָן ריידן און האַנט פאַרשרייבן,
כדי דעם יאוש מיטן ווינט פאַרטרייבן.
איין פונק קאָן צינדן לויטער־פלאַם
און פון וואָרצל אויסברענען איעדן טראָפּן סם.

פיר און פופציק גאָלדענע יאָרן

אותיות, ווערטער,
קלאַנגען און געזאַנגען,
שורות, בלעטער,
לאַנגיאָריקע פאַרלאַנגען.
געבויט, געשמידט,
געאַקערט און געזייט,
אַ וועלט מיט אַרבעט
און אַזוי ווייניק צייט״!
מיט וועלט און היים
אַן ענגער בונד,
פול מיט מילגרוים־טעג,
בליץ־העלע געדאַנקען
באַלויכטן שווערן וועג.
און עס צעוואַקסט זיך אין מי
אונדזער פערלדיק פאַרמעג:

טעאַטער, קלובן,
שול־וועזן צעבליטער,
כאָרן און אָרקעסטערס
צעליכטיקט און צעציטערט.
וועלטן אויפגערודערט,
און וועלטן מיך גערירט,
פון די צייטן אויפגעברויזטע,
פון נאָענט און פון ווייטן
אַרויסגעשיילט דעם אמת,

ווי פון האַרטן נום דעם יאָדער,
פון בליץ אַ שטראַל פאַרהיטן,
דורך שטורעם און דורך ווונדער !

און איבער אַלץ און אַלעם
די מאַמע, „מאָרגן פרייהייט" —
שטרענג און מילד און ערלעך,
באַשטראָפעריש, אי צערטלעך,
איר ליבשאַפט צו די מאַסן
באַקליידט מיט קלאָרע ווערטער.
פיר און פופציק יאָר כסדר
מיך געפירט, געשטאַרקט, געלערנט,
גענערט מיר מיין וואָר,
און געצונדן מיין חלום :
מיך דערפירן צו פרייהייט און שלום.

מיינע שוועסטער

מיינע שוועסטער, ווי דימענטן לויכטן
אין ליכט און אין חושך פון וועלט,
קעגן שאַרפער שווערד פון שונא
האָט מיין שוועסטער חנה זיך געשטעלט.

אירע זיבן זין, ווי זיבן זונען אויפן מזבח געבראַכט
מיט איר צעפליקט האַרץ צוזאַמען —
איר וווּנדיקן וויי דערטראָגט נאָך איצט
אין האַרץ פון יעדער מאַמען.

ווען געפאַר האָט געדראָעט איר גלויבן,
איר גאָט און איר הייליקן שטאַם,
ניט געבויגן איר קאָפּ פאַר די הערשער,
נאָר איר בלוט האָט געצונדן
דעם אייביקן פלאַם.

אַ פאָלק וועבט זיינע גאָלדענע פעדים
און באַפעסטיקט זיין טראָט אינעם שטרייט,
דאָס ליכט פון די חנה׳ס און דבורה׳ס
צינדט כוח און מוט אינעם היינט.

אָ שוועסטער מיינע, דו ציסט דעם פאָדים
פון דבורהן און חנהן און מרימס געזאַנג,
אַזויפיל פערל־נעמען צו דערמאָנען,
אַזויפיל לויטערקייט אין לעבנסגאַנג.

אין אַלע עקן-וועלט האָסטו געפלאַנצט
רויזן רויטע מיט דיין מאַרטירער-בלוט
און דאָרט ווו דאָס לעבן ווערט דערגאַנצט
איז אָטעמען דיר גוט.

האָסט אַראָפּגעריסן וואַלן טונקעלע פון פּנים
און שווערע פּענטעס פונעם טראָט,
אויגן ווייט צעעפנט צו זוניק-העלן וואָרט,
דיין דורותדיקער קאַמף, ברעכט דורך פאַר דיר אַן אָרט.

אָ, דער וועג איז נאָך אַלץ מיט פולווער געלאָדן,
עס שאַרפט די שווערד איבער דיין היים.
ציסטו דעם גאָלדענעם שנור פון די דורות
פאַר וועלט פון שלום, פאַר לעבנס-טרוים.

צו אַ פריינט

איך ווייס ניט, צי ווילסט מיך נאַרן,
צי דו ווילסט מיר דיין אמת פאַרקויפן?
כאָטש דיין וואָרט רינט דיר אויס דורך די פינגער,
און גלויב מיר, פון דיינע אמתן האַלבע
ווערט אונדז ביידן ניט קלאָרער, ניט גרינגער.

דו זאָגסט מיר, אַז שווייגן איז גאָלד,
ניט אויסשרייען אַלצדינג פאַר לייטן...
פון יידן־האַס, ניט ריידן וואָס העכער,
דו וועסט נאָך די שונאים דערפרייען,
קענסט חלילה די ממשלה דאָרט ברעכן...

איך וויל זיך מיט דיר גאָר ניט קריגן,
און שרייען איז טאַקע ניט לייטיש.
נאָר אַז מיין שטאַם וויל מען דאָרטן אויסהוילן,
מיט טאָג־טעגלעכן סם אויף די וועגן,
איז זאָג מיר, צי קאָן מען די טאַטן פון שנאה,
מיט רייד, צי מיט שווייגן אָפּפרעגן?

אָ, דו זאָגסט מיר ס'וועט אַלצדינג פאַריבער:
סאָציאַליזם גייט אויף דאָרט ווי פלאַנצן.
איך בעט דיך, איז בלויז ס'שטיקל ברויט אונדזער אמת?
ווו איז אונדזער הייליקע לענינשע לערע:
פרייהייט און גלייכהייט
אין פעלקער דערגאַנצן.

ניט איך בין פאַרביסענער שונא
און ניט דו דער געזאַלבטער פּרינץ.
גלויב מיר, ניט דער הייליקער אמת איז דיינער,
און ניט מיינע, אומזיסטיקע טענות.
דו ווייסט גוט איך בין ניט קיין באַוויינער,
אויך ניט קיין פאַרזעער פון מעלות.

איז ניט שייך ווער איז דער גערעכטער,
איך אָדער דו, אָדער קיינער,
נאָר ווען דיין קאָפּ ווערט געלעכערט מיט שטיינער,
און דער ווייטיק ווערט בולט און שאַרפער,
איז ווער פון די צוויי אומגערעכטער?
דער גולם דער שטיין, צי פון אויבן דער וואַרפער?

מיין פאָלק

אין מיין פאַרעקשנטן פאָלק
האָט פון דורות געברענט
דער הייליקער חלום,
דער הייסער בטחון —
אויף אייגענעם באָדן
דאָס לעבן צעגרינען,
געמיטער פאַרהיילן,
פון אָפּגרונט דערהייבן,
צום פלאַמיקן ליכט
פון די זונען.

מיט אייגענע הענט
צעגראַבליען די ערד,
זי באַנעצן מיט שוויים
פון פריידיקער מי —
פאַר ברויט
און פאַר ליכטיקע בלומען.

אין וואָגל געברענט
אין נע־ונד זיך געמערט,
פון מצרים און שפּאַניע
ביז מאַידאַנעק און אוישוויץ
אין די רויכן פאַרגאַנגען,
אין די פלאַמען געבאָרן,
להכעיס דעם שונא
ניט אַנטרונען געוואָרן.

מיט ציין און מיט נעגל,
זיך געריסן פון קברים.
מיט ערדן פאַרשאָטן.
מיט בלוט דורכגעווייגטע
זיינען איינצעלנע גליקלעכע
ניצול געוואָרן.

די סקעלעטן אויף וואָג-שאָל
פון לעבן און טויט,
אין זיי האָט דער חלום
פון היימלאַנד געגליט,
און דאָס ליכט
אין מיין אייביקן פאָלק אָפּגעהיט.

אָ די יידישע רעשטלעך,
די זעקלעך מיט ביינער —
אויף אייגענעם באָדן
דעם פאָדים נאָך שפינען,
צום גאָלדענעם המשך
מיט אייגענעם כוח —
אויף ס'ניי זיך באַנייען,
אין וואַקסנדיקן לעבן צעגרינען.

מיר קומען, מיר קומען
פון ימען מיט פיינען,
זאָל ישראל-זון היילן די יידישע ווונדן
זאָל וועלטלעכער שלום
מיין פאָלק צווישן פעלקער
מיט ליכט און מיט אייביקייט צינדן.

ווּנטש פאַר שלום

מיט שטילע טריט פאַרגייט דער זומער,
מיט זון און שטויב און רעגן זאַט.
די יום־טוב־טעג אַנטקעגן קומען
די רייפע פרוכטן צו געניסן;
ערשט פון די פעלדער אָפּגעשניטן,
ברויט און ווײַן אויף יום־טוב־טישן.

פון דורות די ווּנטשן, טרערן און פּיין,
פון דורות לעגענדעס
פאַר גרויס און פאַר קליין.
מײַן זיידנס גוט יום־טוב, מײַן טאַטנס גוט יאָר,
ווי ווײַן אין די גאָלדענע בעכער
פינקלען, באַלײַכטן אַ יעטוועדן דור.

פאַרטרוימט שטייט סוף זומער
פאַררויטלט, צעגרינט,
דער ערב אין יידישע היימען טוט שמייען:
מיט ווּנטש און מיט האָפן פאַר ליכטיגן שלום,
זאָל ניי־יאָר־גליק די וועלט באַנייען,
זאָל פרידן ניט זײַן בלויז אַ חלום.

ליבע

ליב האָט די ערד די זונשטראַלן,
דאָס גראָז איז פאַרליבט אין דעם טוי,
דער טייך איז פאַרבענקט נאָך וואַסערפאַלן
און דער רעגן נאָך וואָלקנדלעך גרוי.

ליב האָט דער בוים די קרומע צווייגן
און די צווייגן דעם גרינעם קאָליר,
דער פויגל, וואָס העכער וויל אַלץ שטייגן —
אין פרייהייט פאַרליבט אָן אַ שיער.

די ערד זיך צעלאַכט ווען צעאַקערט
און דער פרילינג איז ליבשאַפט אַליין,
יעדער פייער וויל העלער זיין צעפלאַקערט
און רויטער ווי די זון אין פאַרגיין.

זי אַ פאַרליבטע אין איר ליבסטן,
ער, אָן איר קאָן ניט זיין.
ליבע קאָן אָפּנאַרן דעם קליגסטן,
נאָר יעדער וויל די ליבע פאַרשטיין.

ליבע איז די זאַפט פון די ביינער,
דאָס ליכט — דער שוואַרצאַפּל פון אויג.
אָן ליבע לעבן קאָן קיינער,
אַ ברונעם אָן וואַסער וואָס טויג.

מענטש איז פאַרליבט אין טרוים פון לעבן,
ווי דער טאָג וויל אין שיינקייט פאַרגיין
די רו, שפּינט די גאָלדענע געוועבן
אין זיסן פרידן פאַרליבט איז די היים.

ווי בלומען אויף ערד זיך צעבליען,
איז ליבע מיט פריידן געבענטשט.
ווי פלאַנצן צו זונען זיך ציִען,
מענטש בענקט נאָך ליבע פון מענטש.

#ביישטייערער פאַר דאָראַ ביירעק־בוך

אַראָנסאָן לנידאַ און סטיוו
באַרטאָן ליליען
אַסנער מ.
בערמאַן מערי
בעק אידיט
באַרענשטיין אסתר און אייב
(באָסטאָן)
בוקרינסקי הנה און חיים
בעדרין פרידאַ און חיים
באַרענשטיין גיטל
באַרענשטיין אייב און לינאַ
ברוקס לוי
גלימטשער אַבראַשע גערשנזאָן
גרינבערג סעלמאַ און סעם
גרינספּאַן ראָוז און דזשאַ
מיני גלייזער (באָסטאָן)
געווירץ בען
דזשייקאָבס טאַניע און פּייסי
דוואָרין בעלאַ און אייב
דאָרדיק מאָל און סעם
דייוויס גאָלדע
דייל מרים און סעם (באָסטאָן)
דייל קעני (סיאַטל)
דייל טערי און סטיוו
דאָום פרידאַ נ. י.
וויקטאָר מיי
וואָלמאַן מאַקס
וואַנעטיק דאָוז און ישראל
וויזעלמאַן אייב
וויינפּער לייען קרייז
לאַסניק מילדרעד
לייט ליליען
לואיס בערטאַ און הערי
ראַזין מאַרטין
רובינשטיין עלין
טאַלמי מעריען און אייב
עמאַ לאַזאַרוס קלוב ל. א.
עלקין פּייגע און בייטן ערנער
ערליך פרענסיס און וויקטאָר

מילער אסתר
מערקין גאָלדע
מאַרקס אַבראַשע
שראַגין מאַניע
(אין כבוד פון דזשאַ)
מילער ליבי און ברוך
מיכאָעלס קרייז
סאַפּיר סאַבינע און מייער
ווידער אידיט און מאַרי
סענטאַ מאַניקאַ עמאַ
לאַזאַרוס קלוב
פּאָלאַנסקי יאַניאַ
פיש דזשייקאָב
פילפּס העלען נ. י.
פיינגאָלד קלאַראַ נ. י.
קאָופמאַן פיליפּ
קרייצער ענאַ
קאַרן ליילען און דזשאַ
קריימער לאַטי און מעקס
קעס מילדרעד און דאַן
דק קעס האָוורד
קעס אסתר און טעד
קאַפּלאַן דאָראַ און אייב
קופּער הערייעט און מעקס
קעץ לאה און עליק
קאָן סאָניע און הערשל
קאַרפּילאָוו נייטן
קינג פרידאַ
קאַטאַלאַנסקי שראַגין קלוב
שולמאַן ליבי און מייער
שאַפּראַ שיינדל
שוואַרץ דייען
שולץ בערטאַ נ. י.
שטראָסבערגער פלאָרעס און
משה
שאַכנאָוו דזשאַ
שלום עליכם לייען־קרייז
מ. פרומקין
נאָוויק אידים און שייע

עלסי און משה האלבער

בריידא און דזשייקאָב אַקסלראָד

ציליע און ברוך פּאָלאַק

זלמה ניאַגאָשינער

כאַשע העמלין (באָסטאָן)

בערל ציטרינג

ציליע שוואַרץ, אין ליכטיקן אָנדענק

פון טשאַרלי שוואַרץ

סעם קיי

לאה גודעל

אינהאַלט:

בענקשאַפט

גועזאַנגען פון טאָג 9
בענקשאַפט 11
איך בין 13
מתנות 16
מענטש 18
יאָרן 19
ניי־יאָר 21
זונטיק 23
איך וואָלט 25
נאַכטיקע שעהען 27
צוויי ניי־יאָרן 29
אַלץ אינאיינעם 31
געשעעניש 33
דער איינאַליינער 35
דאָס לעבן באַקלאָגט זיך 38
דאָס פנים און דער שפיגל 40
דער זגער רעדט 42
שווער צו פאַרגעסן 44
איך קריג זיך מיטן ליד 46
אַ ליד — אַ פריינט 48
אַ גורל פון אַ בוך 49
אותיות 52

דערמאָנונג

כל זמן... 57
צי ווערט נעלם 58

שטיל געזאַנג 60
זיי ווייסן קיין שיעור 62
אַ ויכוח מיטן טאָג 63
דיך הײנט באַזוכט 65
קיין טרייסט 67
אַ טרער 69
דער בוים ביים ים 71
מענטש פון געזאַנגען 73
אויפן פעלד 75
זיין ליכט איז דאָ 76
צו מיינע ליבע... 78
מיטלמעסיק 80
יוגנט 82
לינדאַ 83
גאָט פון אברהם 84
מיין טאַטע 85
זין מיינע צוויי 87
אייניקלעך 89
דריי דורות 91
מיין פערטער דור 93
דער מאַי 95
דיין שורש 97
זכרונות 98
טראָפּן נאָך טראָפּן 100
אַ שפּאַציר אויף אַלטע וועגן 102

גרינער האָפן

נייער פרילינג 107
אינדיאַנער זומער 108
בלום ווי מענטש 110
לידער פון נאַטור 111
דער ים פרעגט 113
פרילינג־רעגן 115
דער ים גיט מיר שטורם און רו 117
זאָל דער מענטש דאָ פרייד געפונען 119

בייסיקע פליגן 120
דער וואַלד לאַכט 121
פליענדיק 123
מענטש אוי ףדער לבנה 123
די וואָלקנס יאָגן אויף צוריק 127
דער ווינט 129
האַרבסטיק 131

פאַרמעסט

ניטאָ נאָך דאָס וואָרט 135
דעם עכטן יום־טוב זוך 137
שלום מאַרש 139
דאָ בין איך איבערגעבאָרן 141
מאַמעס ליכט 143
טרעבלינקע 145
אַ יוגנט פאַרשטילט 148
דער שלום ווינט 150
דיין פאַרמעסט 152
געפאַר איז גרויס 154
די חלומות 156
פיר און פופציק גאָלדענע יאָרן 158
מיינע שוועסטער 160
צו מיינע פריינט 162
מיין פאָלק 164
ווונטש פאַר שלום 167
ליבע 168